84(2Рос=Евр)
К 14



עמ. קאַזאַקעוויטש

# גרינע מאַנטל

אַ״ג
מעלוכע-פֿאַרלאַג „דער עמעס“ מאָסקווע 1947

C(Евр)
K14

מ. קאַזאַקעוויטש

# גרינע שאָטנס



1956г.

אַ ג י ן
מעלוכע־פֿאַרלאַג „דער עמעס"
מאָסקווע 1947

Фонд национальной литературы

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מײַנע שלאַכט־
באַװײַזטע אױסשפּירער — העלד פון סאָװעטן־
פאַרבאַנד עלטערן לײטענאַנט באַראַנאָװ, מאַיאָר
דװאַלי, רױטאַרמײער בריזשניק, סערזשאַנט
אַבראַמסקי.



# ערשטער קאַפּיטל

אָנגרײַפנדיק, האָט זיך די דיוויזיע פארטיפט אין אומענדלעכע וועלדער, און זיי האָבן זי פארשלונגען.

דאָס, וואָס עס זײַנען ניט בעקויעך געווען אָפּצוטאָן ניט די דײַטשישע טאנקען, ניט די דײַטשישע אוויאציע, ניט די באנדעס, האָבן אָפּגעטאָן אָט די אומענדלעכע וואלד־ראַכוועסן און די וועגן, וואָס די מילכאָמע האָט צענעדריקט און דער פרילינג־געוויטער — צעשווענקט. אָפּ די ווײַטע וואלד־ראַנדן זײַנען פארהרוזניעט געוואָרן די לאסט־מאשינעס מיט געווער און פּראָוויאנט. בא פארוואָרפענע וואלד־יִשוווימ זײַנען געבליבן שטעקן אין קלעפיקן קויט די סאניטאר־אווטאָבוסן. אָפּ די ברעגן פון קליינע טײַכלעך איז געבליבן שטיין אָן ברענשטאָף דער ארטילעריע־פּאָלק. נאָר די אינפאנטעריע האָט זיך ניט אופגעהערט צו רוקן פאָרויס, פון טאָג צו טאָג פארקלענערנדיק איר שפּײַזראציאָן און ציטערנדיק איבער יעדן פּאטראָן. סאָפּקאָלסאָפּ איז אויך דער דראנג פון דער אינפאנטעריע געוואָרן שוואכער און אומזיכערער. די דײַטשן האָבן זיך באנוצט דערמיט און זיך אָפּגעטראָגן אָפּ מײַרעוו.

דער סוינע איז נעלעמ געוואָרן, פארשוווּנדן.

עס איז א צאָר צו קוקן אָפּ אויסשפּירער, ווען זיי בלײַבן איבער אָן דעם קעגנער. זיי רוקן זיך אָפּ זײַטיקע וואַלד־שטעגלעך אַזוי ווי אָן א ציל.

אָט אַזאַ גרופּע אויסשפּירער האָט אָפּ זײַנע „ווילים" אָנגעיאָגט דער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ. ער איז פּאַוואָליע ארויס פון דער מאַשין, אָפּגעשטעלט זיך אינמיטן צע־קנאָטענעם וועג.

דערזען דעם קאָמדיוו, זײַנען די אויסשפּירער געבליבן שטיין.

— נו, וואָס? — האָט ער א פרעג געטאָן מיט א כוויזעקדיקן שמייכל, — פאַרלאָרן, הייסט עס, דעם קעגנער, אויסשפּירער? ווו איז ער, וואָס טוט ער אָקאָרשט? א... איר ווייסט ניט... — ער האָט דערקענט דעם לייטענאַנט טראַפּקין און מיט פאַרוואָרף א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — איך דו, טראַפּקין? — און גאַליק פאַרגעזעצט: — א פרייליכע מילכאָמע, קאָן מען זאָגן, אין די דערפער מילך טרינקען און צו ווײַבלעך קריכן... אַזוי וועט איר זיך ביז דײַטשלאַנד דערקלײַבן און דעם קעגנער אין די אויגן ניט אָנקוקן... ס'וואָלט דאַפקע געווען ניט שלעכט, א? — האָט ער מיטאַמאָל לוסטיק א זאָג געטאָן.

דער שעף פון שטאַב פּאָדפּאָלקאָווניק גאַליִעוו, וואָס איז געזעסן אין דער מאַשין אין זײַן האַריקער בורקע, האָט מידלעך א שמייכל געטאָן. שוין וויפל מאָל האָט ער זיך געבידעשט, ווי פּלוצלינג און אומ־דערוואַרט עס ענדערט זיך די שטימונג באַם פּאָלקאָווניק. אָט ערשט, מיט א מינוט פאַר דעם, האָט סערביטשענקאָ אים בייז געמוסערט פאַר איינציקע אומאָרדענונגען, וואָס ער האָט באַמערקט ביים מאַרש פון דער דיוויזיע, און גאַליִעוו האָט געשוויגן מיט א שווער געמיט.

און אָט האָט דער קאָמדיוו דערזען די אויסשפּירער, און די שטי־מונג האָט זיך באַ אים טײַקעף געענדערט. דער פּאָלקאָווניק סער־

ביטשענקאָ האָט אַליינ אָנגעהויבנ זײַנ דינסט אינ מיליטער אינ 1915 יאָר אַלס אויסשפּירער אונ דאַנ באַקומענ זײַנ ערשטנ געאָרגי. נאָכ ביז איצט טוט זײַנ האַרצ אַ צאַפּל, ווענ ער דערזעט, ווי אויסשפּירער — אינ גרינגע מאַכקיר־באַלאַטנ, מיט פאַרברוינטע פּענעמער, שלײַכנ זיכ, ווי די שאָטנס, גרייט יעדע מינוט פאַרשווינדנ, צונויפגיסנ זיכ מיט די שטומע ראַכוועסנ.

דעמ קאָמדיווס פאָרוווּרפ איז אָבער געווענ אַנ ערנסטער פאָרווורפ. געבנ דעמ קעגנער די מעגלעכקײַט אַנטרונענ ווערנ אָדער — ווי עס ווערט געזאָגט אפּ דער פײַערלעכער שפּראַכ פונ די מיליטערישע סטאַטוטנ — לאָזנ אימ זיכ אָפּרײַסנ — דאָס איז פאַר אויסשפּירער גאָר ניט קיינ אָנגענעמע זאַכ, קימאַט אַ שאַנד. אינ דעמ פּאָלקאָווניקס ווערטער האָט אָפּגעהילכט טיפער אומרו פאַרנ גורל פונ זײַנ דיוויזיע. ער האָט געוווּסט, אַז טרעפנ זיכ איצט פּאָנעמ־על־פּאָנעמ מיטנ קעגנער איז פאַר דער דיוויזיע ריזיקאַליש. אינ די שווערע שלאַכטנ איז זי היפּש אָפּגעשוואַכט געוואָרנ, די דערנערונג־באַזעס זײַנענ אָפּגעשטאַנענ; אינ דער זעלבער צײַט האָט זיכ אימ אָבער געוואָלט דעריאָגנ, ענדלעכ, דעמ פאַרשוווּנדענעמ קעגנער, דערגיינ, וואָס ער וויל אונ אפּ וואָס ער איז פעיִק.

אונ די אויסשפּירער זײַנענ געשטאַנענ שווײַגנדיקע. געהאַט האָבנ זיי אַ גאַנצ נעבעכדיקנ אויסזענ.

— אָט זײַנענ זיי, דײַנע אויגנ אונ אויערנ, — האָט מיט ביטל אַ זאָג געטאָנ דער קאָמדיוו צומ שעפ פונ שטאַב אונ זיכ אַרײַנגעזעצט אינ דער מאַשינ. דער „ווילִיס" האָט זיכ גערירט.

די אויסשפּירער זײַנענ נאָכ אַ ווײַלע געשטאַנענ, דערנאָכ איז טראַפּקינ פּאַוואָליע אַוועק פאָרויס אונ נאָכ אימ — די איבעריקע.

צוהערנדיק זיכ, לויט דער געוווינהײַט, מיט אָנגעשפּיצטע אויערנ צו יעדנ שאָרכ, האָט טראַפּקינ די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגנ זײַנ

וזוואָר. געטראַכט וועגנ דעמ, אַז די טעג פונ געצוווּנגענעמ לידיק גײנ ווירקנ שלעכט אָפּ די אויסשפּירער: מע ווערט ארײַנגעצויגנ אינ דעמ געפּערלעכנ שפּינוועבס פונ פוילקײַט אונ זאָרגלאָזיקײַט, וועגנ דעמ, אַז פונ די פּופּצנ אויסשפּירער, וואָס ער האָט געהאַט בײסנ אָנהײב אָנגריפ, זײַנענ געבליבנ נאָר עלפ. עמעס, צווישנ זײ זײַנענ פאַראַנ אַזעלכע אויסגעצײכנטע יאַטנ, ווי דער העלדישער אַניקאַנאָוו, דער געוואַגטער מאַרטשענקאָ, דער זשוואַווער מאַמאָטשקינ אונ די אויסגעפּרוּווטע אַלטע אויסשפּירער בראַזשניקאָוו אונ ביקאָוו. אָבער די איבעריקע זײַנענ דאָסראָוו ערשט פונ טײל, געוויינלעכע סאָלדאַטנ פוסגײיער. דער דאָזיקער כעוורע געפעלט דערווײַל זײער „גײנ אינ אויסשפּיר“, שפּאַנענ אײנער נאָכנ אַנדערנ גרופּקעלעכווײַז — אַזוי איז געמיטלעכער אונ פרײַער, אײדער אינ דעמ געוויינלעכנ מיליטער־טײל. דערצו באַציט מענ זיכ אויכ צו זײ, צו אָט די נײַנקע אויסשפּירער, מיט אַכטונג אונ קאָווער. דאָס פאַרשטײט זיכ, טוט זײ שטאַרק האַנאָע אונ זײ זעענ אויס ווי די העלדנ. אָבער וויאַזוי וועלנ זײ זײַנ אינ דער אַרבעט, איז נאָכ שווער צו זאָגנ.

טראַפּקינענ האָבנ פאַרדראָסנ דעמ קאָמדיווס גאַליקע ווערטער. ביפראַט, אַז ער האָט געוווּסט סערביטשענקאָס שוואַכקײַט צו אויסשפּירער.

דערווײַל איז דער וזוואָד אַרײַנ אינ אַ יישעוו. דאָס איז געווענ אַ געוויינלעכ מײַרעוו־אוקראַינישער דאָרפ, פאַנאַנדערגעוואָרפנ ווי אַ כוטאָר. פונ אַ גרויסנ צײלעמ האָט אַראָפּגעקוקט אָפּ די סאָלדאַטנ דער געקרײצטער יעזוס. די גאַסנ זײַנענ געווענ פּוסט. נאָר די בילערײַ פונ הינט אָפּ די הויפנ אונ די קוימ באַמערקבאַרע באַוועגונגענ פונ די לײַוונטענע פאָרהענגלעכ אָפּ די פענצטער האָבנ באַוויזנ, אַז די דאָרפלײַט האָבנ זיכ פאַרטײַעט אינ די כאַטעס אונ קוקנ זיכ מיט כשאַד צו צו די פאַרבײַגײענדיקע סאָלדאַטנ: ווער זײַנענ זײ — עפּשער איבערגעטאָנענע באַנדיטנ?

טראפקין האָט זײַנע מענטשן אװעקגעפירט צו א שטיבל, װאָס איז געשטאַנען אױף א בערגל, אָפּגעזונדערט פון אנדערע. די טיר האָט געעפנט אן אלטע באָבעשי. זי האָט אָפּגעטריבן א גרױסן הונט און פון קאָפּ ביז די פיס באטראכט די סאָלדאטן מיט אירע קלײנע אײַנגעלעגטע אונטער געדיכטע גרױע ברעמען.

— א גוטמאָרגן, — האָט געזאָגט טראפקין, — מיר זײַנען ארײַן א װײַלע אָפּרוען.

די אױסשפּירער זײַנען נאָך איך ארײַן אין א ציכטיק צימערל מיט א געפארבטן דיל, די װענט זײַנען געװען באהאנגען מיט איקאָנעס. די איקאָנעס, װי די אױסשפּירער האָבן ניט אײן מאָל באמערקט, אין די דאָזיקע קאנטן, זײַנען געװען ניט אזעלכע, װי אין רוסלאנד — אָן ריזעס, מיט זיסלעך־בוימלדיקע שײַנינקע פּנעמלעך פון די הײליקע. װאָס שײַעך דער באָבעשי, איז זי געװען שטארק ענלעך אױף די באָבעס פון ארום קיִעװ אָדער טשערניגאָװ, מיט די לײַװנטענע קלײדלעך, מיט די דארינקע אָדערדיקע הענטלעך.

ניט געקוקט אױף איר אָנגעכמורעטן שװײַגן, האָט זי דערלאנגט די סאָלדאטן פריש ברױט, מילך, זױערע אוגערקעס און א פולן טשוהון מיט קארטאָפל.

נאָך דעם, װי די אלטע האָט נאָך דערלאנגט די אױסשפּירער געפּרעגלטע כאזער־שמאלץ און קװאס אין א לײמענעם קריגל, האָט זי זיך אַלץ אָן א װאָרט אױסצורײדן געזעצט צום װעב־שטול, װאָס האָט פארנומען א העלפט פון צימער.

דער סערזשאנט איװאן אניקאנאָװ, א געזעצטער רויקער מענטש, מיט א ברײט פּאָנעם, מיט קלײנינקע דורכדרינגלעכע אױגן, האָט א זאָג געטאָן צו דער אלטער:

— װאָס זשע שװײַגסטו, באָבעשי, װי א שטומע, װאָלסט זיך בעסער געזעצט לעבן אונדז און פארבראכט א ביסל, דערצײלט עפּעס...

דער סערזשאַנט מאַמאָטשקין, אַ סוטולעוואַטער, אַ ראַרער, אַ נער־וועזער, האָט אומצופרידן אַ ברום געטאָן:

— ס׳אַרא קאַוואַלער אָט דער אַניקאַנאָוו איז... אַ באַלן צו פאַר־ברענגען מיט דער באָבעשי...

טראַפּקין, פאַרטאָן אין זײַנע געדאַנקען, איז אַרויס פון שטוב און געבליבן שטיין באַם גאַנעק. דאָס דאָרף האָט געדרעמלט. אַפּן בערגל האָבן זיך געפּיטערט געפּענטעטע פּויערישע פערד. עס איז גע־ווען שטיל, גאָר שטיל, ווי עס קאָן זײַן שטיל נאָר אין אַ דאָרף נאָך דעם אומפּעטפּולן דורכגאַנג פון צוויי מיליטערישע האַלטנדיקע אַרמייען.

— אונדזער לייטענאַנט האָט זיך פאַרטראַכט, — האָט אַ זאָג געטאָן אַניקאַנאָוו, ווען טראַפּקין איז אַרויס פון שטוב. — ווי האָט עס געזאָגט דער קאָמדיוו? אַ פרייליכע מילכאָמע... מילך טרינקען און צו וויַבלעך קריכן...

מאַמאָטשקין איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער:

— דאָס, וואָס דער קאָמדיוו האָט געזאָגט, איז זײַן זאַך. אָבער דו, וואָס קריכסטו אין גאָרגערעם אַרײַן? ווילסט ניט קיין מילך — טרינק ניט. אָן איז וואַסער אין דייזשקע. און מיש זיך ניט אין דײַנע געשעפטן, רינג זיך ניט אָן פאַר קיין ניאַנקע צום לייטענאַנט, פּויער. וואָס דו ביסט! ווען דו פאַלסט אַרײַן צו מיר אין די הענט באַ אונדז אין קערטש, וואָלט איך דיך אין פינף מינוט אויסגעטאָן הויל־נאַקעט, און די פיש אין יאַם וואָלטן פון דיר האַ־נאָע האָבן... אָט וואָס...

אַניקאַנאָוו האָט זיך גוטמוטיק צעלאַכט:

— דאָס, ברודערל, קענסט. אויסטאָן הויל־נאַקעט, דערופן ביסטו אַ כוואַט. און וואָס שײַעך כאַפּן אַ קײַ — דערופן ביסטו אויך אַ בעריע. אָט וועגן דעם טאַקע האָט גערעדט דער קאָמדיוו.

— נו, איז וואָס דעריבער? — האָט זיך צעהיצט מאַמאָטשקין, וועלכער איז, ווי טאָמיד, אויפגעבראַכט געוואָרן פון אַניקאַנאָווס

געלאַסנקייט און רויִקן טאָן. — כאַפּן א קײַ — דאַרף מען אויך קאָ־נען. א גוטער מיטיק, זאָג איך דיר, גיט צו מוט און כּאָכמע. פאַר־שטאַנען?

בראַזשניקאָוו מיט די ראָזע באַקן, מיט די פלאַקסענע האָר, בי־קאָוו מיטן קײַלעכדיקן פּאָנעם, דאָס זיבעצניאָריקע יאַטל יורי גאָלוב, דער הויכער שלאַנקער פּעאָקטיסטאָוו און די איבעריקע יאַטן האָבן שמייכלענדיק זיך צוגעהערט צו דעם וויקועכ צווישן דעם הויציקן מאַמאָטשקין מיט זײַן דאָרעמדיקער אויסשפּראַך און דעם רויִקן, מעיושעוודיקן אַניקאַנאָוו. בלויז מאַרטשענקאָ, א ברייטפּלייציקער, מיט א ברוינ פּאָנעם, מיט ווײַסע פּערלדיקע ציין, איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען לעבן דער אַלטיטשקער באַמ וועב־שטול און מיט נאַיִוון כידעש פון א שטאָט־מענטש איבערגעבאַזערט, קוקנדיק אַפּ אירע פלינקע קליינינקע דאַרינקע הענטלעך:

— עס איז דאָך, בענעמאָנעס, א גאַנצע פאַבריקע...

אין די אַמפּערײַען צווישן מאַמאָטשקינען און אַניקאַנאָוון ווענגן אַלץ אין דער וועלט, ווענגן דעם, אַשטייגער, וואָסער הערינג איז גע־שמאַקער — דער קערטשער צי דער אירקוטסקער, ווענגן די מײַלעס פון דעם דײַטשישן און סאָוועטישן אַווטאָמאַט, ווענגן דעם, צי איז היטלער סטאַמ א מעטורעפּ אָדער א מערדער, א קעלעוו־שעביקלאָווים, ווי אויך ווענגן דעם, ווענ וועט מען פאָרט עפענען דעם צווייטן פראָנט, — אָט אין די אַלע אַמפּערײַען און דיסקוסיעס איז מאַמאָטשקין שטענדיק געווען דער אָנגרײַפנדיקער צאַד, אַניקאַנאָוו ווידער האָט כיטרע זשמורענדיק די קלוגיטשקע קליינינקע אייגעלעך, גוטמוטיק, אָבער גאַנצ שטעכיק אָפּגעשלאָגן די אַטאַקעס און פלעגט מיט זײַן געלאַסנ־קײַט און קאַלטבלוטיקײַט אַרײַנברענגען מאַמאָטשקינען אין גרויס גרימצאָרן. מאַמאָטשקינען האָט שטענדיק שטאַרק אויפגעבראַכט אַני־קאַנאָווס דאָרפישע סאָלידקײַט און גוטמוטיקײַט. דערצו האָט זיך נאָך צוגעמישט א פאַרבאָרגענער קינע־געפיל: אַניקאַנאָוו האָט געהאַט אַן

מרדעו, און ער נאר א מעדאל. צו אניקאנאָוון האָט זיך דער קאָמאנדיר
באצויגן קימאט ווי צו זײַנס א גלײַכן, און צו אים, צו מאמאָטשקי־
נען, קימאט אזוי, ווי צו אלע איבעריקע. אָט דאָס האָט אים שטארק
פארדראָסן. ער האָט זיך געפרוווט טרייסטן דערמיט, וואָס אניקאנאָוו
איז א פארטייער און דעריבער, הייסט עס, האָט מען צו אים א באַ־
זונדער צוטרוי. אָבער טיף אין הערץ נעשאָמע איז ער אליין געווען
אנציקט פון אניקאנאָווס קאלטבלוטיקער געוואגטקײַט. מאמאָטשקין
האָט אליין פארשטאנען, אז זײַנע אייגענע דרייסטקײַט שטאמט צו־
מאָל מער פון אייגנליבע, ווי פון ווירקלעכן מוט. עמעס, ער האָט גע־
האט א שעם פון א גוטן אויסשפירער און האָט זיך טאקע באטייליקט
אין פיל געוואגטע אָפעראציעס. די הויפט־ראָל אָבער אין זיי האָט
שטענדיק געשפילט ניט ער, נאָר אניקאנאָוו.

דערפאר אָבער ביים די איבערײַסן צווישן די שלאכט־אופגאבעס
האָט מאמאָטשקין זיך ארויסגעוויזן אין זײַן גאנצן גלאנץ. די יונגע
בעוורע, וואָס האָבן זיך נאָך ניט באטייליקט אין קיין אויסשפיר־
אָפעראציעס, זײַנען געווען פון אים אין גרויס היספײַלעס. מאמאָטש־
קין האָט געטראָגן גוואלדיק ברייטע הויזן, געלע בראָמאָווע שטיווע־
לעך, דער קאָלנער פון זײַן גימנאסטיאָרקע איז שטענדיק געווען צע־
בראָסטעט, און די פעך־שווארצע קוטשמע האָר האָט פארשײַט ארויס־
געקוקט פון אונטער דער קובאנקע מיטן העל־גרינעם אויבערשלאק.
הײַנט ווי קומט צו אים אָט דער מענגשעמדיקער, ברייט־פענעמדיקער
און פראָסטעוואטער אניקאנאָוו.

אין דער נײַער מילכאָמע־פראָפעסיע, אין דער געפערלעכער פראָ־
פעסיע פון אן אויסשפירער, האָט יעדערער פון זיי ארײַנגעבראכט די
מידעס און אייגנשאפטן, וואָס עס האָבן אײַנגעפלאנצט אין זיי די
פארמילכאָמע־יאָרן: אניקאנאָוו — די סיבירער קאָלווירטישע געדולדי־
קע בעריעשאפט, מארטשענקאָ — דעם שארפזין און די פינקטלעכע
אויסרעכענונג פון א געניטן מעטאליסט, מאמאָטשקין — די פאר־

שײַטע צעבראָכטעטקעײַט פון א האפנ־יונג. אָבער די דאָזיקע פרידי־עבע צײַט גופע האָט זיי איצט אויסגעוויזנ, ווי ווײַטע, ווײַטע פארגאנ־גענהײַט. די מילכאָמע איז געוואָרנ זייער לעבנ־שטיינער, אונ אָט דער ווזוואָד — זייער אײנציקע מישפּאָכע.

מישפּאָכע! דאָס איז געווענ אנ אומגעוויינלעכע מישפּאָכע. אירע מיטגלידער האָבנ ניט לאנג געהאט דאָס פארגעניגנ צו לעבנ צוזאַ־מענ. ווער ס'איז א פארוווּנדעטער אָפּגעשיקט געוואָרנ אינ שפּיטאָל, ווער ס'איז אוועק נאָכ ווײַטער, גאָר ווײַט, אהינ, פונוואנענ מע קערט זיכ שוינ ניט אומ צוריק. די דאָזיקע מישפּאָכע האָט זיכ געהאט איר קורצע, אָבער שפּאנענדיקע געשיכטע, וואָס פלעגט איבערגעגעבנ ווערנ פונ „דאָר צו דאָר". עס זײַנענ נאָכ געווענ אזוינע, וואָס האָבנ געדענקט, ווי אינ ווזוואָד איז געקומענ אניקאנאָוו. א לאנגע צײַט האָט ער זיכ ניט באטייליקט אינ קיינ אויסשפּיר. קיינער פונ די עלטסטע האָט זיכ ניט אנטשלאָסנ צו נעמענ אימ מיט זיכ. עמעס, די פיזישע קראפט פונ דעמ גוואר דעמ סיביריאק איז געווענ א גרויסע מײַלע. ער איז אָבער געווענ אזוי האמעטנע גרויס אונ שווער, אז די אויסשפּירער האָבנ מוירע געהאט, וואָס וועט זײַנ, טאָמער כאָלילע ווערט ער ביים אנ אָפּעראציע פארוווּנדעט אָדער דערהארגעט? פרוּווּ אָקאָרשט ארויסשלעפּנ פונ פײַער אזא מינ ריז. עס האָט ניט געהאָלפנ זײַנ שווערנ אונ פארזיכערנ, אז אויב מע וועט אימ פארוווּנדנ, וועט ער אליינ דערפּויזענ, אונ „אויב, כאַפּט זיי דער טײַוול, מע וועט מיכ דערהארגענענ, — האָט ער געטײַנעט, — איז מיילע, לאָזט מיכ אי־בער, וואָס קאָנ מיר שוינ דער דײַטש טאָנ א טויטנ". ערשט ניט לאנג צוריק, ווענ אינ ווזוואָד איז געקומענ דער נײַער קאָמאנדיר לייטע־נאנט טראפּקינ, האָט זיכ די לאגע געענדערט. טראפּקינ האָט גלײַכ אינ דער ערשטער אויסשפּיר־אָפּעראציע גענומענ אימ מיט זיכ. אונ אָט דער ריז האָט אזוי פלינק א כאַפּ געטאָנ אונ צונויפגעדריקט א הויכנ פעטנ פריצ, אז די איבעריקע אויסשפּירער האָבנ אפילע ניט

באוויזן ארומצוקוקן זיך. אניקאנאָוו האָט געטאָן זײַן זאַב שנעל און שטיל, ווי א גרויסע קאַץ. אפילע טראפקין האָט קוים געגלייבט, אז אין אניקאנאָוום פלאשטש־פאלאטקע ליגט שוין א צונויפגעדריי־טער, ווי א קנויל, א שיד־שיר ניט דערשטיקטער דײַטש, א „צונג" — דער טרוים פון דער דיוויזיע אין מעשעך פון די לעצטע פאָר וואָכן. א צווייטן מאָל האָט אניקאנאָוו צוזאמען מיטן סערזשאנט מאר־טשענקאָ פארכאפט א דײַטשישן קאפיטאן. דערבײַ איז מארטשענקאָ פארוווּנדעט געוואָרן אין פוס, און אניקאנאָוון איז אויסגעקומען צו שלעפן דעם דײַטש אײַנינעם מיט מארטשענקאָן און זען עס טאָן אזוי, אז ער זאָל זיי ביידן כאָלילע ניט צעשעדיקן.

פעסט צוגעביסן און געשמאָק זיך פארצויגן מיט א מאכאָרקע־ציגארל, האָט מאמאָטשקין געגעבן אָנצוהערן, אז ער וואָלט א באלן געוועזן בלײַבן איבערנעכטיקן אין דאָרף און זיך זען, אגעוו, מיט א ביסל בראנפן סאמאָהאָן. מארטשענקאָ האָט זיך אומבאשטימט אָפגערופן:

— אײַלן זיך איז, אייגנטלעך, ניטאָ וואָס... אלציינס וועלן מיר אים ניט אָניאָגן... דער דײַטש מאכט דאָ פלייטע, אז עס גייט אזש א רויך...

אין דער רעגע האָט זיך די טיר געעפנט און עס איז ארײַן טראפ־קין. ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אין פענצטער אפ די געפּענטעטע פערד אפן בערגל און א פרעג געטאָן בא דער באלעבאָסטע:

— באָבעשי, וועמענס פערד זײַנען דאָס?

איינער פון די פערד, א ברוינער מיט א ווײַסן פלעק אפן שטערן, איז געוועזן דער עלטערס. די איבעריקע האָבן געהערט צו אנדערע שביינים. אין א מינוט צוואנציק ארום האָט מען די שביינים צונ־נויפגערופן צו דער אלטער אין שטיבל, און טראפקין האָט זיי דער־קלערט, וואָס ער וויל פון זיי. די פויערים, וואָס האָבן גוט געוווּסט, אז נאָר דער שנעלער אָנגריף פונעם סאָוועטישן מיליטער האָט געראטע־

וועט פונ פארניכטונג זייער דאָרפ אונ דאָס לעצטע ביסל גאנצ געבליבנ פי, האָבנ גליַיכ איַינגעשטימט. טראַפקינ האָט אפגיכ אָנגעשריבנ א צעטעלע אונ געזאָגט:

— אויב איר ווילט, קאָנט איר שיקנ מיט אונדז איַיערנ א יאטל, וועט ער איַיכ די פערד ברענגענ צוריק.

ס'איז באשטימט געוואָרנ א יאטל, וואָס זאָל פאָרנ צוזאמענ מיטנ אטריאד. דאָס זעכצניאָריקע יינגל, אָנגעטאָנ אינ א שעפסנ־פעלצל, איז געוועז אי שטאָלצ אי דערשראָקנ פונ דער פאראנטוואָרטלעכער שליכעס. פאנאנדערגעפענטעט די פערד אונ אָנגעפויעט זיי באַם ברונעמ, האָט ער געגעבנ צו וויסנ, אז מע קאָנ שוינ זיכ לאָזנ אינ וועג אריַינ.

אינ א פאָר מינוט ארומ האָבנ צוועלפ רייַטער זיכ געלאָזט גאלאָפ אָס מיַירעוו.

טרייַבנדיק דאָס פערד, האָט טראפקינ זיכ איַינגעקוקט אינ דער שטומער וויַיט פונ די אוראלטע וועלדער. דער ווינט האָט געבלאָזנ אינ פאָנעמ אריַינ. אפנ האָריזאָנט האָט זיכ אָנגעצונדנ א בלוטיקער זונ־פארגאנג, אונ ווי יאָגנדיק זיכ נאָכ אימ, האָבנ זיכ די רייַטער געטראָגנ פאָרויס.





# צוו ײ טער קאַפּיטל

דער שטאַב פונ דער דיוויזיע האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפ נאַכטלעגער אינ א גרויסנ וואַלד, אינעמ צענטער פונ די פּאָלקנ, וואָס זײַנענ דאָ צוגעפאַלנ אינ אומרויִקנ ־שלאָף. קיינ שײַטערס האָט מענ ניט אָנגע־צונדנ — הויכ איבער די וועלדער האָבנ, ווי זלידנע פליגנ, געזשומעט דײַטשישע עראָפּלאַנענ, פּרוּוונדיק אָנטאַפּנ דאָס דורכגייענדיקע מיליטער. די סאַפּיאָרנ, וואָס זײַנענ געגאַנגענ פאָרויס, האָבנ שוינ דאָ געהאַט אָפּגעאַרבעט א האַלבנ טאָג אונ אויסגעבויט א שיינעמ גרינעמ יִשעוו מיט גלײַכע אַלייענ, דײַטלעכע וועג־ווײַזערס אונ ציכטיקע בײַדלעכ, באַדעקטע מיט סכאַכ.

וויפל אַזעלכע טשיקאַווע שטעטלעכ האָבנ די סאַפּיאָרנ פונ דער דיוויזיע אויסגעבויט אינ די מילכאָמע־יאָרנ?

דער קאָמאַנדיר פונ דער סאַפּיאָרנ־ראָטע, לייטענאַנט בוגאָרקאָוו, האָט געוואַרט אַפנ אופנעמ באַמ שעפ פונ שטאַב.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק איז געזעסנ, פאַרטאָנ אינ דער מאַפּע. דער גרינער שעטעכ אירער מיט דער דיסלאָקאַציע פונ די טיילנ פונ דער דיוויזיע האָט אויסגעזענ זייער מעשונע. די געוויינלעכע בלויע בלײַ־

טיסט־ליניעס, וואָס באַצייכענענ דעמ סוינע, זיינענ אָפּ דער מאַפּע קיאַל ניט געווענ. דער טייל איז געווענ שיידימ ווייסנ ווי. די פּאָלקנ האָבנ אויסגעזענ סאַקאָנעסדיק־איינזאַמ אינ דער אומענדלעכקייט פונ די געדיכטע וועלדער.

דער וואַלד, אינ וועלכנ די דיוויזיע איז געבליבנ נעכטיקנ, האָט געהאַט די פאָרמ פונ א פראַגע־צייכנ. אָט דער גרינער פראַגע־צייכנ האָט ווי געטייינעט צומ פּאָדפּאָלקאָווניק גאַליעוו מיט דער כויזעקדיק־גאַליקער שטימ פונעמ קאָמאַנדאַרמ: „נו, ווי? דאָס איז אייכ ניט דער צאַפּנ־מיירעוודיקער פראָנט, ווו איר זייט א האַלבע מילכאָמע אָפּגעזעסנ, ווי געליימט, אונ די דייטשישע אַרטילעריע האָט אייכ באַשאָסנ גאַנצ געמיטלעכ רעגולער דריי מאָל א טאָג? ס'איז א מאַנעווער־מילכאָמע, אָט וואָס דאָס איז!”...

גאַליעוו, וואָס האָט שוינ ניט איינ נאַכט מיט קיינ אויג ניט צוגעמאַכט, האָט זיכ געקוטעט אינ זיינ בורקע, ענדלעכ האָט ער באַמערקט בוגאַרקאָוונ:

— וואָס דאַרפסטו?

דער לייטענאַנט בוגאַרקאָוו האָט מיט געהיימער האַנאָע באַטראַכט דאָס אויסגעצייכנטע ביידל, וואָס ער האָט אויסגעבויט.

— איכ בינ געקומענ פרעגנ, כאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, ווו וועט מאָרגנ זיכ באַזעצנ דער שטאַב, — האָט ער געענטפערט, — וועל איכ שיקנ אהינ א ווזוואָד.

אימ האָט זיכ זייער געגלוסט, אז די דיוויזיע זאָל זיכ דאָ אינ וואַלד פאַרהאַלטנ כאָטש נאָכ א מעסלעס. דאָס פריילעכע געצעלטנ־שטעטל וואָלט כאָטשבי א ביסל באַוווינט ווערנ, אונ כאָטש ווער ניט איז וואָלט אימ זאָגנ א גוט וואָרט פאַר אָט דעמ ווונדער פונ געצעלטנ־בויונג. אַניט באַווייזט מענ זיכ גאָרניט אַרומקוקנ, נאָכנ די ניוונקע ביידלעכ בלייבנ פוסט אונ וויסט, אונ אינ ... חייבט אָנ ...אַלעבאַטעווענ דער ווינט. בוגאַרקאָוו איז געווענ א ז... אונ אַנ איי־



·Фонд национальной

ניקל פון באַרימטע טעסלערס און מוליערס, און דער ניט־באַפרײַ־דיקטער שטאָלץ פון א בויער האָט גערעדט אין אים.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט קורץ געענטפערט:

— גיב דײַן מאַפּע.

און האָט אָנגעצייכנט אַף בוגאַרקאָווס מאַפּע א פייגעלע אַפן ראַנד פון עפּעס אַן אַנדער וואַלד, א פּערציק קילאָמעטער פונדאַנען. בו־גאַרקאָוו האָט דערשטיקט אין זיך א זיפץ און שוין געוואָלט אוועק־גיין, נאָר אין דער רעגע האָט זיך דער פּאַרהאַנג איבערן טיר א ריר געטאָן, און אין בײַדל איז אַרײַן דער שעף פונעם אויסשפּיר קאַפּי־טאַן באַראַשקין. גאַליעוו האָט אים באַגעגנט ניט זייער פרײַנטלעך:

— דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר איז ניט צופרידן. הײַנט האָבן מיר געזען דעם לייטענאַנט טראַפּקינען מיט זײַנע מענטשן. וואָס פאַר אַן אויסזען! אָפּגעלאָזענע, פאַרוואַקסענע. וואָס טראַכט איר זיך?

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט א ווײַלע געשוויגן און מיטאַמאָל אויס־געשריען:

— און, זײַט אַזוי גוט, קאַפּיטאַן, זאָגט מיר סאַפּקאָלסאָפּ, ווו איז דער קענגער?

דער לייטענאַנט בוגאַרקאָוו האָט זיך אַרויסגעשלײַכט פונעם בײַדל און איז אַוועק גרייטן דעם ווזוואָד צום מאַרגעדיקן מאַרש. ער האָט אָבער באַשלאָסן אונטערוועגס אופזוכן טראַפּקינען און וואַ־רענען אים וועגן דעם, וואָס ער האָט געהערט בא גאַליעוון. זאָל ער טאַקע אָפּשערן און אָפּגאָלן זײַן כאַליאַסטרע, — האָט געטראַכט בו־גאַרקאָוו, — אַניט וועט ער כאַפּן די פּײַנע פּאַרציע. בוגאַרקאָוו האָט ליב געהאַט טראַפּקינען, זײַנעם א לאַנדסמאַן. טראַפּקין, וואָס האָט זיך קוינע־שעמ געוועזן אַלס אויסגעצייכנטער אויסשפּירער, איז גע־בליבן חער זעלבער שטילער, באַשיידענער באָכער, ווי ער איז געווען בא דער ערשטער באַגעגעניש. טרעפן פלעגן זיי זיך, עמעס, גאַנץ

זעלטנ — יעדער פונ זיי האָט געהאַט גענוג אייגענע זאָרגנ — עס איז אָבער אָנגענעמ געווענ צו דערמאָנענ זיכ, אז דאָ, ערגעצ ניט ווייט, שפּאַנט א באַווער אונ א לאַנדסמאַנ פונ דער וואָלגע — טראָפּ־קינ, א באַשיידענער, אנ ערנסטער, שפּאַנט שטענדיק מיטנ טויט פאַר די אויגנ, א סאַכ נעענטער צו אימ, ווי אַלע אנדערע.

ניט געפונענ טראָפּקינענ, האָט זיכ בוגאָרקאָוו געלאָזט גיינ צו באַראַשקינענ אינ בײַדל, נאָר יענער איז געווענ שטאַרק צעקאָכט נאָכ דעמ אויסרייד, וואָס ער האָט געקראָגנ פונ גאַליַעוונ, האָט ער בוגאָרקאָוונ מיט קאַס א זאָג געטאָנ:

— דער ניטגוטער ווייסט אימ, ווו ער דרייט זיכ דאָרט ארומ. צוליב אימ געפּאַקט אנ אויסרייד.

דער קאַפּיטאַנ באַראַשקינ האָט זיכ פאַרדינט א שלעכטנ נאָמענ אינ דיוויזיע מיט זײַנ גיוואַל־פּע אונ פּוילקײַט. ווו זײַנענ זײַנע אויס־שפּירער אונ וואָס טוענ זיי — האָט ער קימאַט ווי קיינמאָל ניט גע־ווּסט. אַליינ איז ער געפּאָרנ אינ דער לאַסט־מאַשינ פונעמ שטאַב אונ האָט, אגעוו, „געשפּילט א ליבע" מיט דער ערשט אָנגעקומע־נער ראַדיסטנ קאַטיע, א מיידל מיט בלאָנדע האָר, א פּאַרטרוימט שלאַנק סאָלדאַטיקל מיט שיינע אויגנ.

בוגאָרקאָוו איז ארויס פונ באַראַשקינס בײַדל. ארומבלאָנקענדיק אי־בער די גלײַכע אַלייענ, האָט ער געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געווענ, ווענ עס ענדיקט זיכ שוינ די מילכאָמע אונ ער פאָרט אוועק צו זיכ אינ דער היימשטאָט אונ נעמט זיכ ווידער צו בויענ הײַזער. ס'ארא מעכײַע ראָס איז אײַנזאַפּנ אינ זיכ דעמ געשמאַקנ ריחב פונ פריש־געהובלטע ברעטער, קריכנ אפ די רישטעוואַניעס, באַטראַכטנ מיט די בערדיקע מײַסטערס די צייכענונגענ אפ דער צעקנייטשטער סינקע.

קאַיאַר האָט בוגאָרקאָוו אײַנגעפּאַקט אינ וואָגנ לאָפּעטעס, קירק־עס אונ דעמ איבעריקנ אינסטרומענט אונ געלאָזנ זיכ אינ וועג בעראָש פונ זײַנע סאַפּיאָרנ.

די פֿלאַפּלערײַ פֿון די ערשטע אויפֿגעוואַכטע פֿייגל האָט געהילכט
אין וואַלד. לענגויים דעם שליאַך האָבן אַרומגעשפּאַנט וואַכלײַט, דער־
פֿראָרן פֿון דער נאַכטיקער קעלט. אין וואַלד זײַנען אָפּ דער ערד אָפּ
אונטערגעבעטע יאָדלע־צווײַגן, צוגעדריקט איינער צום אַנדערן, גע־
שלאָפֿן סאָלדאַטן.

די אינדערפֿרִיִקע קילקײַט האָט געוועקט די מענטשן, און זיי
האָבן זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן קלײַבן שישקעס און צווײַגלעך
אָפּ שפּײַטערס.

„אָט דאָס איז מילכאָמע, — האָט געטראַכט בוגאָרקאָוו, פֿלו־
צעם אופּציטערנדיק, — די מוירעדיקע היימלאָזיקײַט פֿון מיליאָנען
מענטשן"...

אָפּגעשפּאַנט אַ צען קילאָמעטער, האָבן די סאַפּיאָרן דערזען, אַז
פֿון מײַרעוו־זײַט דערנעענטערן זיך דרײַ רײַטערס. בוגאָרקאָוו איז
געוואָרן אומרויִק. ער האָט געוווּסט, אַז מײַרעוו־צו איז ניטאָ קיין
איין רויטאַרמייער. די רײַטערס האָבן זיך געטראָגן גאַלאָפּ. בוגאָר־
קאָוו האָט אײַנגיכן פֿרײַ אָפּגעשטעמט: אין איינעם פֿון די דרײַ האָט
ער דערקענט טראַפּקינען. ניט אָראָפּקריכנדיק פֿון פֿערד, האָט טראַפּ־
קין אַ זאָג געטאָן:

— דאָ ניט ווײַט זײַנען דײַטשן מיט אַרטילעריע און מיט שטור־
רעם־האַרמאַטן.

ער האָט באַוויזן בוגאָרקאָוון אָפּ דער מאַפּע, ווו די דײַטשישע
שוץ־ליניע געפֿינט זיך. גראָד דאָרט בײַ יענעם וואַלד־ראַנד, ווו בוי־
גאָרקאָוו קלײַבט זיך בויען אַ נײַ געצעלטן־שטעטל.

— צוויי דײַטשישע פּאַנצער־מאַשינען און אַ שטורעם־האַרמאַט
שטייען אָט דאָ ניט ווײַט אין וואַלד. שפּירן אויס אוואַדע...
און צום סאָף האָט טראַפּקין געזאָגט:

— אָט זעסט... אַניקאַנאָוו פֿאַרוווּנדעט...
אַניקאַנאָוו איז געזעסן אָנגעלענט אָפּן פֿערד און האָט געשמייכלט

מיט א שולדיקער מינע, ווי ער וואָלט צוליב אייגענער אומפארזיכטיקייט פארשאפט זיי אלעמענ אומזיסטע אגמעס־נעפעש.

בוגאָרקאָוו האָט פארלאָרנ א פרעג געטאָנ:

— אונ איכ וואָס זאָל טאָנ?

זיי האָבנ אָפגערעדט, אז די סאפיאָרנ וועלנ דאָ צווארטנ, ביז טראפקינ וועט מיטיילנ וועגנ דעמ דעמ שטאב־שעפ אונ דערנאָכ וועט ער, טראפקינ, איבערגעבנ זיי דעמ באפעל פונ שטאב.

טראפקינ האָט א שמיצ געטאָנ זייַנ ברוינעמ פערד מיטנ ווייַסנ פלעק אפנ שטערנ אונ האָט זיכ ווידער א לאָז געטאָנ גאלאָפ.

אינמיטנ געצעלטנ־שטעטל איז בא זייַנ „ווילים" געשטאנענ דער פאלקאָווניק סערביטשענקאָ. ארומ אימ האָבנ זיכ פארזאמלט די פאָלק־קאָמאנדירנ, פאָדפאָלקאָווניקעס אונ מאיאָרנ, אונ א ביסל אינ א זייַט — אדיוטאנטנ אונ אָרדינארצעס. טראפקינ האָט א שטעל אָפ געטאָנ זייַנ פערד, אפגיכ אראָפגעשפרונגענ אונ אָפגעראפאָרטירט:

— כאווער קאָמדיוו, די דייַטשנ זייַנענ ניט ווייַט.

מע האָט אימ ארומגערינגלט אונ ער האָט אינקורצנ דערציילט, אז די דייַטשנ געפינענ זיכ דאָ, בא דעמ נאָענטנ טייַכל. זייערע פאָזיציעס באשטייענ פונ א דורכויסיקער טראנשיי. ער האָט דאָרט אויכ געזענ ארטילעריע־פאָזיציעס אונ זעקס שטורעמ־הארמאטנ. אינ די טראנשייענ געפינט זיכ דייַטשישע ארטילעריע. בא א צוואנציק קילאָמעטער פונדאנענ שטייענ אינ באהעלטעניש צוויי פאנצער־אווטאָמאָבילנ אונ א שטורעמ־הארמאט.

דער קאָמדיוו האָט פארצייכנט אפ דער מאפע טראפקינס מיטיילונג. עס איז געוואָרנ א שטיקל טומל. די קאָמאנדירנ פונ די פאָלקנ אונ די שטאב־אָפיצערנ האָבנ אויכ ארויסגענומענ זייערע מאפעס. דער פאָדפאָלקאָווניק גאליעוו האָט מיטאמאָל אופגעהערט צו פרירנ אונ האָט אראָפגעוואָרפנ אפ דר'ערד זייַנ בורקע. דער שעפ פונ פאָליטאָפטייל איז אוועק צונויפרופנ די פאָליט־טוער.

— הייסט עס, דו האלטסט, אז די דײַטשישע פּאָזיציע איז א פעסטע? — האָט ענדלעך א פרעג געטאָן דער קאָמדיוו, מאכנדיק דעם לעצטן שטריך מיטן בלויען בלײַשטיפט אפ דער מאפּע, וואָס ער האָט צעשפּרייט אפן „ווילים".

— יאָ.

— און די שטורעם־הארמאטן האָסטו אַליין געזען?

— יאָ.

— פאנטאזירסט ניט א האָרעלע? — האָט אומדערוואַרט פאר־ענדיקט זײַנע פראגן דער פאָלקאָווניק, ווענדנדיק אפ טראפּקינען זײַ־נע גרינלעך־גרויע עטוואָס צוגעזשמורעטע אויגן.

— ניין, איך פאנטאזיר ניט, — האָט געענטפערט טראפּקין.

— האָב ניט קיין פאריבל, — האָט גוטמוטיק א זאָג געטאָן דער קאָמדיוו, — פון זיכערקײַט וועגן פרעג איך עס בא דיר, ווײַל איך ווייס, אז אויסשפּירער האָבן ליב אמאָל צולײַגן צוביסלעך.

— איך לײַג ניט, — האָט געזאָגט טראפּקין.

ערגעץ האָט מען שוין געגעבן די קאָמאנדע: „צומ געווער". דער וואלד האָט זיך דומפּ צערוישט. דאָס האָבן זיך א הייב געטאָן צומ מאַרש די ראָטעס.

קוקנדיק אפ דער מאפּע, האָט דער קאָמדיוו באפוילן:

— די פּאָלקן גייען, ווי פריער, אין מאַרש־אָרדענונג. דער אוואַנ־גארד־פּאָלק שיקט פאָרויס א פארשטארקטן באטאליאָן אלס פאָר־דערשטן אָטריאד. די פּאָלק־ארטילעריע גייט מיט דער אינפאנטעריע. אפ די פלאַנגען — אויסשפּירער און אווטאָמאטשיקעס. ווי נאָר מע וועט דערגרייכן די הייך 108,1, וויקלט זיך פאנאנדער דער פּאָלק אין א שלאכט־אָרדענונג. זײַן קאָמאנדע־פּונקט איז די הייך 108,1. איך — אפן מײַרעוו־ראנד פונעם דאָזיקן וואלד, באמ שטיבל פון וואלד־וועכטער. נאָליעוו, גרייט צו דעמ שלאכט־באפעל. גיב צו וויסן אין קאָרפּוס.

און מיטאמאָל האָט ער שטילערהייט א זאָג געטאָנ:

— גערענקט, כאַווײַרים, דער ארטפּאָלק איז העט ווײַט. סנאַריאַדנ אונ פּאַטראָנעס — קנאַפּ. מיר זײַנען ניט אינ קיינ פויגלדיקער לאַגע. לאָמיר ערלעכ אויספּילנ אונדזער כויוו.

די אָפיצערנ זײַנענ אפּגיכ אוועק. בא דער מאַשינ זײַנענ געבליבנ בלויז דער קאָמדיוו, גאַליִעוו אונ טראַפּקינ. דער פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ האָט באַטראַכט טראַפּקינענ, זײַנ פאַרפּינעטנ פערד אונ מיט א שמייכל א זאָג געטאָנ:

— א כוואַט א קאָזאַק.

— אַניקאַנאָוו איז בא מיר פאַרווּנדעט, — האָט אומדערוואַרט אליינ פאַר זיכ, אינ גרויס פאַרלעגנהײַט, מיטגעטיילט טראַפּקינ.

דער קאָמדיוו האָט גאָרנישט ניט געענטפערט, אָפּגעגעבנ דעמ זעצטנ באַפעל גאַליִעוונ אונ אוועקגעפאָרנ צו די פּאָלקנ.

ארומ גאַליִעוונ האָבנ גענומענ ארומשמײַענ די שטאַב־אָפיצערנ. עס איז אימ געווענ ניט צו דערקענענ. ער איז לעבעדיקער, פריילעכער געוואָרנ, ער איז מיטאמאָל געוואָרנ ענלעכ אפ דעמ פאַרשײַטנ באַקוער יאַטל, וואָס ער איז געווענ מיט א יאָר דרײַסיק צוריק. „גאַליִעוו האָט דערשמעקט דעמ דײַטש" — פלעגט מענ וועגנ אימ זאָגנ אינ אזוינע מינוטנ.

— פאָר צו דײַנע מענטשנ. שפּיר נאָכ נאָכנ דײַטש אונ גיב גלײַכ צו וויסנ וועגנ אלצ, — האָט גאַליִעוו הויב אפּנ קאָל א זאָג געטאָנ צו טראַפּקינענ.

— רעכט! — האָט הילכיק געענטפערט טראַפּקינ אונ האַסטיק זיכ ארופגעכאַפּט אפנ פערד.

דער אויסשפּירער, וואָס האָט אימ באַגלייט, האָט שוינ באַוויזנ דערווײַל איבערגעבנ אַניקאַנאָווג דעמ סאַנ־אינסטרוקטאָר, אונ פירנדיק אַניקאַנאָווס פערד באַמ צײַמל, האָט ער זיכ איצט פאַרזיניקט צומ ליטענאַנט.

טראפקינ האָט געטראָפנ בוגאָרקאָווג אפ דעמ זעלבנ אָרט אינ אומרויִקער דערוואַרטונג. ער האָט צעטראָגנ אויסגעטרונקענ דעמ בראנפנ, וואָס בוגאָרקאָוו האָט אימ פאָרגעלייגט, אונ האָט אימ באוויזנ אפ דער מאפּע, ווו דער דיוויזיע־שטאב וועט זיכ געפינענ.

— הייסט עס, ווידעראמאָל הייבט זיכ אָנ, — האָט בוגאָרקאָוו א זאָג געטאָנ, אראַינקוקנדיק אינ טראפקינס אויגנ.

די אויסשפּירער האָבנ זיכ ווידער געלאָזנ גאלאָפּ.

די סאפּיאָרנ האָבנ זיכ גערירט אינ וועג אַרײַנ, שטיל צווישנ זיכ געשמועסט וועגנ דעמ, אז אָט וועלנ זיכ ווידעראמאָל אָנהייבנ שלאכטנ, אונ קיינ סאָפ זעט מענ גאָרניט.

— נו, כעוורע, איצט אָנשטאָט בײַדל־בוי וועט שוינ אײַכ זײַנ בלינדאזש־בוי. — האָט געזאָגט בוגאָרקאָוו.

טראפקינ האָט זיכ אינגיכנ פארייניקט צו זײַנע מענטשנ, וועלכע האָבנ געוואַרט אפ א וואלדיק בערגל ניט ווײַט פונ א נאָמענלאָז טײַכל, הינטער וועלכנ די דײַטשנ האָבנ אויסגעגראָבנ זייערע טראנשייענ. מאַרטשענקאָ, וועלכער האָט נאָכגעשפּירט נאָכ די דײַטשנ, זיצנדיק אפ א שפּיצ בוימ, איז אראָפּגעקראָבנ אונ מיטגעטיילט דעמ לייטענאנט:

— די פאנצער־אווטאָמאָבילנ אונ דער שטורעמ־הארמאט האָבנ זיכ דאָ ארומגעדרייט בא א האלבער שאָ צײַט. דערנאָכ פארקערעוועט, אריבער דאָס טײַכל אונ אוועק אהיימ, צו די איבעריקע. דאָס טײַכל איז ניט קיינ טיפס. איכ האָב געזענ — ס׳האָט דערגרייכט די פאנצער־אווטאָמאָבילנ ביז העלפט.

די אויסשפּירער האָבנ צוגעפּויזעט צומ טײַכל אונ זיכ אײַנגענורעט אינ די קוסטעס. דעמ יאטל מיט די פערד האָט טראפקינ אָפּגעשיקט אהיימ:

— פאָר מיט אָט דעמ וועג. צוויי פערד וועלנ בלײַבנ דאָ בא מיר

נאָכ אפ א טאָג. איכ וועל זיי מאָרגנ אָפשיקנ. אנית איז ניטאָ אפ וואָס אָפצושיקנ די ראפאָרטנ.

דערנאָכ האָט טראפקינ צוגעפויזעט צו די אויסשפירער אונ גענו־מענ באטראכטנ די דײַטשישע שוצ־ליניע. די טראנשיי איז ערשט ניט לאנג אויסגעגראָבנ אונ איז נאָכ ניט פארענדיקט. די דײַטשנ, וואָס ליפנ דורכ איר, דערגרייכט זי קוימ ביז די פלייצעס. פאר דער טראנשיי — דראָט־פארצוימונג אינ צוויי רייענ. די אויסשפירער זײַ־נענ געווענ אָפגעטיילט פונ די דײַטשנ מיט א שמאָל טײַכל, באוואקסנ מיט טשערעט. אפנ ברוסטווער פונ דער טראנשיי איז געשטאנענ א מענטש אונ געקוקט אינ א בינאָקל אפנ מיזרעכ־ברעג.

— איכ וועל אימ באלד אָפשיקנ צו היטלערס באָבענ... — האָט א יעפּטשע געטאָנ מאמאָטשקינ.

— מאכ זיכ ניט נאריש... — האָט געזאָגט טראפקינ.

ער האָט ניט אראָפגענומענ קיינ אויג פונ דער דײַטשישער שוצ־ליניע. וואָס שטעלט זי מיט זיכ פאָר? יאָ, יענער קוימ מערקבארער לאנגער פאסיק ערד איז א צווייטע טראנשיי. דאָס אָרט האָבנ די דײַטשנ אויסגעקליבנ גאנצ געלונגענ. פאר שוצ איז עס ווי אָנגע־מאָסטנ. דער מײַרעווודיקער ברעג איז א סאכ העכער פונעמ מיזרעכ־דיקנ אונ איז געדיכט באוואקסנ מיט וואלד. די הויכקײַט ארומ די צעוואָרפענע שטיבלעכ פונעמ כוטאָר — איז א קאָמאנדע־הויכקײַט. אפ דער מאפע איז זי באצייכנט מיט דער ציפער 161,3. די טראנשיי איז פול מיט דײַטשנ. אפנ מיזרעכדיקנ עק כוטאָר שטייט א שטור־רעמ־הארמאט.

טראפקינ האָט זיכ מיטאמאָל דערמאָנט וועגנ אניקאנאָוונ, אָבער עפעס אזוי, ווי וועגנ א פאסאזשיר, וואָס איז דאָ ניט לאנג געווענ אינ וואגאָנ אונ איז באנאכט אראָפ פונ צוג אונ פארשווּנדנ ווער ווייסט וווּהינ.

מאמאָטשקין האָט א שעפּטשע געטאָן:

— טוט א קוק, כאַווער לייטענאַנט, די פריצן גייען אפּ אַן עקס־קורסיע.

א מאַן דרײַסיק דײַטשן זײַנען אַרויס פון וואַלד און זיך געלאָזט צום טײַכל. דאָ האָבן זיי זיך צעזייט און, קוקנדיק א ביסל דערשראָקן צום צווייטן ברעג, פּאַוואָליע אַרײַן אין מוטנעם וואַסער. טראַפּקין האָט געזאָגט צו דעם בעסטן שיסער פון וזוואָד — מאַרטשענקאָן:

— טו זיי נאָר א טרײַב.

מאַרטשענקאָ האָט אַרויסגעלאָזן א לאַנגע ריי פון זײַן אַווטאָמאַט. די דײַטשן זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פון טײַך צוריק אפּ זייער ברעג און, גראַנערנדיק, צוגעפאַלן צו דער ערד. אין טראַנשיי איז געוואָרן א טומל, א לויפערײַ, עס האָבן גענומען פּײַפן קוילן. דער שטורעם־האַרמאַט, וואָס איז געשטאַנען אין כוטאָר, האָט זיך מיט־אַמאָל א טרייסל געטאָן און אַרויסגעלאָזן איינס נאָכן אַנדערן דרײַ סנאַריאַדן. אין א רגע אַרום האָבן א קלאַפּ געטאָן די דײַטשישע פעלד־האַרמאַטן. ניט ווייניקער ווי א צענדליק. אין פאַרלויף פון דרײַ־פיר מינוט האָבן זיי באַשאָסן דאָס בערגל. די סנאַריאַדן האָבן אויפגעריסן די ערד, פאַרפּלייצט מיט א ווילדן הו־האַ די שטומע וועלדער אַרום.

דער פאָדערשטער אָטריאַד פון דער דיוויזיע — דער פאַרשטאַרקטער באַטאַליאָן — האָט דערהערט דעם קנאַל פון דער דײַטשישער אַרטילעריע. די מענטשן זײַנען געבליבן שטיין. דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן, קאַפּיטאַן מושטאַקאָוו, און דער באַטאַריי־קאָמאַנדיר — קאַפּיטאַן גורעוויטש זײַנען מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטעם געבליבן זיצן אפּ זייערע פערד. מושטאַקאָוו האָט א זאָג געטאָן:

— אָט וואָס הייסט אָפּגעווווינט געוואָרן... העכער א כוידעש צײַט ניט געהערט די שיינע מוזיק.

די אופרײַסנ האָבנ גלײַכמעסיק געדונערט איינס נאָכנ אנדערנ.

דער פארשטארקטער באטאליאָנ האָט זיכ געלאָזט ווײַטער אינ וועג ארײַנ. א ביסל שפעטער האָבנ די סאָלדאטנ דערזענ א יאטל אינ א שפאנענעמ פעלצל מיט פערד. ער איז געזעסנ אָפ א פערד, אויסגעצויגנ דעמ האלדז אונ זיכ דערשראָקנ צוגעהערט צומ הילכ פונ די הארמאטנ.

דער קאָמאנדיר פונ באטאליאָנ איז צו אימ צוגעפאָרנ אונ א פרעג געטאָנ:

— וואָס טוסטו דאָ?

— אײַלט זיכ צו, — האָט דאָס יאטל א שעפטשע געטאָנ מיט א ציטערדיק קאָל, — דאָרט באמ טײַכ זײַנענ דײַטשנ, א סאכ, א סאכ דײַטשנ, אונ אויסשפירער — אינגאנצנ צוועלפ...





# דריטער קאפּיטל

דאָס, וואָס אפ דעמ מיליטערישנ לאָשנ רופט זיכ עס אָנ א ר י־ב ע ר ג י י נ צ ו ש ו צ, הייבט זיכ געוויינלעכ אָנ אזוי:

די מיליטער־טיילנ וויקלענ זיכ פאנאנדער אונ פרווונ זיכ דורכ־רײַסנ דעמ קעגנערס פראָנט. נאָר די מענטשנ זײַנענ מיד פונעמ נאָכאַ־נאנדיקנ אָנגריפ, ארטילעריע אונ פאטראָנעס איז קנאפּ. די סאָל־דאטנ בלײַבנ ליגנ אפ דער פײַכטער ערד אונטערנ פײַער פונעמ סוי־נע אונ אונטערנ פרילינגדיקנ שניי אונ רעגנ. די טעלעפאָניסטנ הערנ נאָכאנאנד די צאָרנדיקע באפעלנ פונ די עלטערע קאָמאנדירנ: „דורכרײַסנ! אופהייבנ די אינפאנטעריע אונ אָפּוואַרפנ די פריצנ!" נאָכ דער צווייטער ניט געלונגענער אטאקע קומט א באפעל: „אײַנ־גראָבנ זיכ".

די מילכאָמע ווערט פארוואנדלט אינ א קאָלאָסאלער ערד־גראָ־בעניש. מע גראָבט באנאכט, באלויכטנ פונ פארשיידנקאָליריקע דײַטשישע ראקעטעס אונ פונ די סרייפעס אינ די נאָענטסטע דער־פער, וואָס די דײַטשישע ארטילעריע האָט אָנגעצונדנ. אינ דער ערד וואקסט אויס א פארפּלאָנטערטער לאבירינט פונ באהעלטענישנ. דאָס

איז שוין נישט קיין וואלדיקער ברעג פון א קליינעם טײַך, באוואקסן מיט טישערעט און וואסער־גראָזן, נאָר א צעקאָרדאשעטע און צע־קנאָטענע „פאָדערשטע ליניע", וואָס איז, ווי דאנטעס גענעמט, צעטיילט אף פאסן, פליכעוואטע, דורכגעגראָבענע אף דורך און דורך, פאָנעמ־קאָזע און הויקע, און עס בלאָזט דאָ א ווינט פון יענער וועלט.

זיצנדיק גאנצענע נעכט אפן געוועזענעם ברעג פון טײַך (איצט רופט זיך עס אָן „נייטראלע זאָנע"), הערן די אויסשפירער קלעפ פון דײַטשישע העק און שטימען פון דײַטשישע סאפיאָרן, וואָס פארפעסטיקן זייער פאָדערשטע ליניע.

אָבער — גאמ־זו־לעטויווע, אויך דאָס איז צום גוטן. ביס־לעכווײַז קומען צו נעענטער די פראָוויזאנט־באזעס. אף סקריפענדיקע וואָגנס פירט מען צו סנאריאדן, פאטראָנעס, ברויט, היי, קאָנסערוון. עס פאָרן צו און שטעלן זיך אָפּ ערגעץ דאָ ניט ווײַט, פארמאסקירט צווישן וועלדער, דער מעדסאנבאט, די פעלד־פאָסט, דער וועטערינאר־לאזארעט.

עס קומט אויך אָן דער ארטפאָלק, וואָס ווערט באגעגנט מיט גרויס פרייד. די הארמאטן גראָבט מען אײַן אין דר'ערד, און זיי היבן אָן באשיסן דעם סוינעס טראנשייען און בלינדאזשן.

עס הייבט זיך אָן, קאָן מען זאָגן, א שטיל לעבן, א לעבן אין נעץ און אין קלעפיקער בלאָטע, א פאסקודנע לעבן, אָבער פאָרט א לעבן. און אז די פעלד־פאָסט קומט, ענדלעך, אָן, און גאנצע פעק בריוו, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן פארן כוידעש פונעם אָנגריף, פאלן אַרײַן אין די פארפראָרענע הענט פון די סאָלדאטן — איז עס שוין קימאט א גליקלעך לעבן.

זיצנדיק אינעם אָקאָפּ אפן סאמע ברעג טײַך, צווישן טשערעט און וואסער־גראָזן, האָט אויך טראפקין דורכגעלייענט זײַנע בריוו. עס שרײַבט די מאמע — א לערערן אין א שטעטל — און די שוועס־טער פון מאָסקווע. דער מאמעס בריוו — א געוויינלעכער בריוו פון

א מאמענ, וואָס אינ זײַנ יעדער שורע איז פאַרבאָרגנ א געבעט: בלײַב נאָר לעבנ, זײַ מיר נאָר געזונט אונ שטאַרק.

די שוועסטער, א סטודענטקע פונ מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, א פידלערנ, האָט געשריבנ דעמ ברודער וועגנ אירע דערפאָלגנ. זי האָט געשריבנ וועגנ באַכנ אונ וועגנ טשײַקאָווסקינ מיט יוגנטלעכער פאַרשײַטער פאַמיליערקײַט: „טשײַקאָווסקי איז גאָר, זעסטו, ניט אזא הארבע זאַכ, ווי איכ האָב לעכאַטכילע געמיינט... דער אלטער דײַטש באַכ"... אונ אזוי ווײַטער. טראַפקינ האָט דערפילט אינ דעמ בריוו דעמ כיינ פונ יוגנטלעכער היספּײַלעסדיקער פלאַפּלערײַ, דערזענ די געמיטלעכע ליכטיקײַט אינ איר מיידלישנ צימערל, דעמ טונקעלנ פידל־גלאַנצ — ווי ווײַט דאָס איז אלצ פונ אימ! טראַפקינ האָט זיכ אפילע קימאַט ווי באַליידיקט, וואָס מענטשנ גייענ אינ טעאַטער, הערנ מוזיק, שפּילנ ליבעס, לערנענ זיכ — בײַם ער, טראַפקינ, אונ אנדערע זיצנ דאָ אונטער דער שרעק פונ טויט אונ, וואָס נאָכ ערגער איז, אונטערנ שלאַקס־רעגנ.

— וואָס שרײַבט מענ אײַכ, כאַווער לייטענאַנט? — האָט א פרעג געטאָנ מאַרטשענקאָ, וועלכער איז געזעסנ לעבנ אימ מיט א בינאָקל אינ האַנט.

טראַפקינ האָט געענטפערט:

— מע לעבט, מע טראַכט וועגנ אונדז — ווענ וועלנ מיר א סאָפ מאַכנ.

מאַרטשענקאָ האָט שמייכלענדיק א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. דער־בײַ האָט ער ניט אויפגעהערט צו קוקנ אינ בינאָקל אפ דעמ סוינעס פּאָזיציעס. ער האָט געזאָגט:

— די דײַטשנ האָבנ זיכ עפּעס גענומענ רירנ.

טראַפקינ האָט א קוק געטאָנ אינ בינאָקל. די דײַטשנ האָבנ ארויסגערוקט פונ וואַלד א הארמאַט. ער האָט זיכ צעלאַכט, זיכ דער־מאָנט דער שוועסטערס ווערטער: דער אלטער דײַטש ב־באַכ! באַ־באַכ!

דער הארמאט האָט ווירקלעך אָנגעהויבן שיסן, און טראַפּקין האָט דורכן טעלעפאָן מיטגעטיילט גורעוויטשן:

— טוט א קוק, גורעוויטש, זיי האָבן אָנגעשטעלט א האַרמאַט — אַפּ צוויי פינגער רעכטס פונעם כאַרעוונ הויז. איר זעט?

— א דאַנק, טראַפּקין, — האָט דומפּ אָפּגעהילכט אין טעלעפאָנ־טרעבל די שטימ פונ דעמ שטענדיק וואכנ אַרטילעריסט, — איך ווער אימ באַלד אָנטאַפּנ.

אינעמ פּײַכטנ טשערעט האָט זיך באַוויזנ מאַמאָטשקינס קאָפּ:

— איר ווערט צובײַסנ, כאַווער לײטענאַנט?

ער האָט געבראַכט טראַפּקינען א האַלבע געבראָטענע גאַנדז, אײַנגעוויקלט אין א צײַטונג. טראַפּקין האָט א העלפט פונעם געבראָטנס אָפּגעגעבנ מאַרטשענקאָן. דערבײַ האָט ער א טראַכט געטאָן וועגנ דעמ, אַז מאַמאָטשקין ברענגט די לעצטע צײַט צו אָפט פאַרשיידענע מײַכאָלים, ווי, לעמאָשל, געַנדז, אייער, סמעטענע. ער האָט געוואָלט פרעגנ בא מאַמאָטשקינען, ווו נעמט ער דאָס אַלץ, אָבער גלײַך פאַרגעסנ, ווײַל מאַרטשענקאָ האָט אָפּגעווענדט זײַנ אויפמערקזאַמקײַט מיט א נײַער באַמערקונג וועגנ דער אופירונג פונ די דײַטשן.

און, ווירקלעך, קיינער האָט ניט געוווּסט, פונוואַנענ קומענ עס צו מאַמאָטשקינען אַזוינע מײַכאָלים: אייער, אויפעס, זויערע אוגערקעס און קרויט.

ווענ די אויסשפּירער פלעגנ בא אימ פרעגנ, ווו נעמט ער דאָס אַלץ, פלעגט ער וויל־יונגעריש ענטפערנ:

— אָט זעט איר דאָך!

די זאַך איז אָבער געווענ זייער א פּאָשעטע און זייער ניט קיינ שיינע. אָנשטאָט אָפּפירנ לויט טראַפּקינס באַפעל די צוויי פערד, וואָס זײַנענ דאָנ פאַרבליבנ, צו זייערע באַלעבאַטימ, האָט מאַמאָטשקינ זיי אינ א נאָענטנ כוטאָר איבערגעלאָזט „אַפּ א שטיקל צײַט", בא אַנ אַלטנ מאַנ, אַנ אַלמענ. דערבײַ האָט ער מיט אימ אָפּגערעדט, אַז פאַרנ

„פּראָקאָט" וועט דער אַלמען אים באַזאָרגן מיט עסנוואַרג. די צײַט איז געווען אַ הייסע, מע האָט געדאַרפט אַקערן און זייען, האָט דער אַלטער ניט געקאַרגט.

די יונגע אויסשפּירער האָבן געקוקט אַף מאַמאַטשקינען מיט היספּײַלעם. זיי האָבן באַוווּנדערט זײַן בעריעשאַפט. דער שיינער יונג פּעאָקטיסטאָוו איז געווען מאַמאַטשקינס אַ טרײַער אַדיוטאַנט. ער האָט זיך געסטאַרעט אין אַלץ נאָכטאָן מאַמאַטשקינען, געוואָלט אויס־זען, פּונקט ווי ער, אַפילע פאַרלאָזן אַזעלכע וואָנצעלעך, ווי בא מאַ־מאַטשקינען. אין די אָוונטן פלעגט מאַמאַטשקין דערציילן פאַר די נײַע אויסשפּירער וועגן די העלדנטאַטן פונעם ווזוואָד, דערבײַ פלעגט ער דעריקער ריידן וועגן זײַנע אייגענע אופטוען. עמעס, ער האָט אויך דערמאָנט צום גוטן אַניקאַנאָוון. אַניקאַנאָוו איז שוין געוואָרן גע־שיכטע, וואָס קאָן ער שאַטן מאַמאַטשקינס רום?

טראַפּקינען האָט מאַמאַטשקין געטראָגן די מײַכאָלים פון זײַן געהיימער „באַזע" ניט דערפאַר, ווײַל ער האָט זיך געוואָלט אונטער־לעקן צום קאָמאַנדיר. מאַמאַטשקין איז געווען אַ מייוון אַף מענטשן און האָט געוווּסט, אַז דערשלאָגן זיך אַף אַזאַ אויפן עפּעס וואָס בא טראַפּקינען איז ניט שײַעך. ניט אַזאַ מענטש איז טראַפּקין. דער ליי־טענאַנט האָט געגעסן דאָס גענדזנס און האָט בעשאַס־מײַסע אַפילע ניט געוווּסט ווי געהעריק, וואָס ער עסט. מאַמאַטשקין האָט עס גע־טאָן פּאָשעט דערפאַר, ווײַל ער האָט ליב געהאַט טראַפּקינען. און ליב געהאַט האָט ער אים טאַקע פאַר יענע מײַלעם, וועלכע ער, מאַ־מאַטשקין, האָט ניט פאַרמאָגט: פאַר דעם, וואָס אַלץ, וואָס טראַפּקין זאָל ניט טאָן, טוט ער מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקײַט און טראַכט ווייניקער פון אַלץ וועגן זײַן אייגענעם נוצן. מיט גרויס בידעש האָט זיך מאַמאַטשקין צוגעקוקט, ווי אויסגערעכנט ביז אַ טראָפּן, טיילט טראַפּקין אײַן דאָס ביסל בראָנפן, וואָס מע באַקומט. זיך גיסט ער אָן ווייניקער, ווי אַלע איבעריקע. מאַמאַטשקין האָט עס

ניט געקאָנט באַנעמען. ער האָט געפילט, אַז דער ליטענאַנט טוט ריכטיק, ער האָט אָבער גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער, אויף טראָפּקינס אָרט, וואָלט אַזוי ניט געטאָן.

אָפּגעטראָגן דעם ליטענאַנט דעם אָנבײַסן, איז מאַמאָטשקין אוועק אין שפּײַכלער, וווּ די אויסשפּירער זײַנען אײַנגעשטאַנען. און דאָ האָט ער זיך שוין ניט אָנגעשטויסן אויפן קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע, אויפן פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ, וועלכן ער האָט ווי ווײַט געקענט. דער קאָמדיוו האָט געפאָדערט, אַז די סאָלדאַטן אויף אָפּרוען זאָלן נעמען אָנגעטאָן אין דער פאַר זיי באַשטימטער מיליטער אוניפאָרם, ניט ענדערנדיק זי אויף קיין האָר.

צוזאַמען מיטן פּאָלקאָווניק איז געגאַנגען אַ ווײַס, כמעט קינדיש מיידל, געשוירן ווי אַ יינגל, אָנגעטאָן ווי אַ געוויינלעכער סאָלדאַט מיט צייכנס פון אַ יינגערן סערזשאַנט. דער קאָמדיוו האָט געשמועסט מיטן מיידל אויף האַרציק געשמייכלט דערבײַ.

דער פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ האָט זיך באַצויגן צו פרויען מיט צערטלעכער זאָרג. טיף אין האַרצן האָט ער געהאַלטן, אַז פאַר פרויען איז אויף מילכאָמע ניט קיין אָרט. דאָס האָט אָבער ניט אַרויסגערופן בײַ אים קיין ביטל־באַציִונג צו זיי, ווי בײַ פיל אַנדערע, נײַן, ער האָט זיך באַצויגן צו זיי גיכער מיט ראַכמאָנעס, ווי אַן אַלטער סאָלדאַט, וואָס ווייסט גוט דעם ביטערן טאַם פון מילכאָמע.

— נו, געפעלט דיר עפּעס בײַ אונדז? — האָט געפרעגט דער פּאָלקאָווניק.

דאָס מיידל האָט שעמעוודיק געענטפערט:

— ס'געפעלט... ווי אומעטום.

— שוין זשע ווי אומעטום? בײַ מיר איז ניט אַזוי, ווי אומעטום. בײַ מיר, מײַן טײַערינקע, איז אַ דיוויזיע אַ רויטפּאַניקע! קיינער קריוודעט דיך ניט?

— ניין, כאווער פּאָלקאָווניק.

— זע זשע, וועט מען דיך באַליידיקן, צושטיין, קום און באַקלאָג זיך גלײַך. באַ אונדז זײַנען דאָ ווייניק מיידלעך, און איך לאָז זיי ניט באַליידיקן. נו, און מיט יאַטן דרייסטו זיך ניט אַרום?

— אַפּ וואָס דאַרף איך זיי?.. — האָט זיך דאָס מיידל צעלאַכט.

— ע, דו נאַרסט מיך אָפּ... אַלץ ווייס איך. מע האָט דיך ניט איין מאָל שוין געטראָפן מיטן קאַפּיטאַן באַראַשקין. זע זײַ אַ מענטש, — האָט דער פּאָלקאָווניק מיטאַמאָל ערנסט געזאָגט, — מענער זײַנען אַ ביטרע פאָלק. ניט אַלעמאָל זאָגן זיי דאָס, וואָס זיי טראַכטן.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן מיידל און איז אוועק צו זיך. דאָס מיידל איז געבליבן שטיין אונטער אַ בוים. דאָ איז לעבן איר מיט־אַמאָל אויסגעוואַקסן מאַמאָטשקין:

— איך האָב די ערע צו באַגריסן!..

זי האָט מיט כידעש באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס.

— סערזשאַנט מאַמאָטשקין, אויסשפּירער, — האָט ער זיך וויל־יונגעריש פאָרגעשטעלט, אַ קלאַפּ טוענדיק דערבײַ אָפּצאַס אָן אָפּצאַס.

דאָס מיידל האָט זיך צעשמייכלט.

— פריִער האָב איך אײַך, אַזוי צו זאָגן, ניט געהאַט דאָס פאַרגע־ניגן צו טרעפן, — האָט ער אָנגעהויבן זיך ביינדלען צו איר, — איר זײַט פון אַן אַנדער טייל אָדער פון הימל אַראָפּגעפאַלן?

זי האָט זיך צעלאַכט און דערקלערט אים, אַז זי הייסט קאַטיע, און אַז מע האָט זי אַהער אַריבערגעפירט פון אַן אַנדער דיוויזיע.

— און מיט דער אויסשפּירונג זײַט איר דאָרט געווען גוט־ברודער?

— כ'האָב געאַרבעט אין שטאַב פון טייל.

— איך ראָט אײַך, קאַטיושע, — האָט זיך מאַמאָטשקין צע־רעדט, — איך ראָט אַפּ ווײַטער זײַן גוטע־פרײַנט מיט דער אויסשפּי־רונג. ווער איז דער בעסטער קאַוואַלער? קלאָר ווי דער טאָג — דער

אויסשפּירער. באַ וועמען איז שטענדיק פאַראַן וואָס אויסטרינקען פּיוּם צובײַסן? ווער איז אַ יונג אַ כוואַט, אַ דורכגעטריבענער, ווי דער טײַוול? אומבאַדינגט — דער אויסשפּירער. פאַר־שטאַ־נען, טײַע־רינקע?..

זיי זײַנען אוועק באַנאַנד. מאַמאַטשקין האָט זיך געכאַכמעט, ווי זײַן שטייגער איז.

— שוין זשע קענט איר קיינעם ניט פון די אויסשפּירער? — האָט ער שפּילעוודיק אַ פרעג געטאָן, — און דעם גוט באַקאַנטן קאַפּיטאַן באַראַשקין קענט איר אויך ניט?.. אַ?..

— פונוואַנען ווייסט איר? — האָט זיך פאַרכידעשט קאַטיע.

— אויסשפּירער ווייסן אַלץ!

דורכגיין זיך מיט אים אין וואַלד האָט זי זיך אָפּגעזאָגט. זי וועט אַרײַן אַמאָל צוגאַסט — האָט זי אים פאַרזיכערט. לעכאַטכילע האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז שטאַרק באַליידיקט, אָבער באַלד ווידעראַמאָל גענומען שפּאַסן, און זיי האָבן זיך פרײַנטלעך צעזעגנט.

געקומען אין שפּײַכלער, האָט מאַמאַטשקין דאָרט געטראָפן אַ לײַכטן אָנגעשטרענגטן טומל, ווי שטענדיק ערעוו אַן אָפּעראַציע. און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מאַרטשענקאָ גייט הײַנט אין אויסשפּיר בעראָש פון אַ גרופּע פון זעקס מאַן.

מאַרטשענקאָ איז נאָרוואָס געקומען פון דער פאָדערשטער ליניע. ער איז געזעסן אין ווינקל באַ אַן אַלטער פאַרזשאַווערטער דרעש־מאַשין און געשריבן אַ בריוו. די מענטשן, וואָס גייען מיט אים אין אויס־שפּיר, האָבן געהאַוועט, אָנגעטאָן די מאַסקיר־כאַלאַטן, אָנגעהאַנגען גראַנאַטעס און אַלע ווײַלע געכאַפּט אַ קוק אָפּ מאַרטשענקאָ — צי איז שוין ניט צײַט צו גיין.

מאַרטשענקאָ האָט געשריבן זײַן פרוי און זײַן טאַטע־מאַמע אין דער שטאָט כאַרקאָוו. ער האָט געשריבן, אַז ער איז געזונט און אומ־

זיסט און אומנישט איז אים זײַן פרוי כווישעד, אז ער האָט דאָ עמעצן אנדערש. עס הייבט זיך גאָרניט אָן. ער האָט געשריבן אהיים אָפט, נאָר די פעלד־פּאָסט האָט מאכמעס דעם אָנגריף שטארק פארשפּעטיקט. אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען גאנץ געוויינלעך. ער האָט זיך געסטארעט, אז אפילע צווישן די שורעס זאָל זיך ניט פילן זײַן פאר־באָרגענער אומרו ערעוו דער געפערלעכער אָפּעראציע.

געענדיקט שרײַבן דעם בריוו, איז ער א רעגע געבליבן זיצן א ביסל אן אופגערודערטער. דעם בריוו האָט ער אָפּגעגעבן דעם רניע־וואלני און שטיל א זאָג געטאָן:

— נו, כעוורע, מיר גייען, הייסט עס. אַלץ גרייט?

ער האָט באטראכט זײַן זעקסטלינג און געפרעגט:

— און די סאפּיאָרן זײַנען נאָך ניטאָ?

פון וויטן ווינקל, פון דער טיפ פון אָנגעוואַלגערטן שטרוי, האָט זיך געלאָזט הערן א רויקער פריילעכער קאָל:

— וואָס הייסט — ניטאָ? —

און ארומגעקלעפּטע מיט שטרויעלעך, האָבן זיך א הייב געטאָן צוויי סאפּיאָרן, וואָס בוגאָרקאָוו האָט געשיקט באגלייטן מארטשענ־קאָס גרופּע.

— איך בין דער עלטסטער, — האָט זיך אָפּגערופן א מיטלוויק־סיקער פעסט־געבויטער סאָלדאט פון א יאָר צוואנציק.

— ווי רופט מען דיך?

— מאקסימענקאָ רופט מען מיך, דײַנער א לאנדסמאן, — האָט געענטפערט דער „עלטסטער".

די אויסשפירער האָבן זיך צעלאכט.

— פונוואנען? — האָט מארטשענקאָ א גלאנץ געטאָן מיט די פערלדיקע ציין.

— פון קרעמענטשוג.

— אזוי, טאקע קימאט א לאנדסמאן... דײַן אופגאבע ווייסטו?

— אוואַרע, — האָט מאַקסימענקאָ זיכער אָפּגעענטפערט. — פאַ־נאַנדערמינירן דאָס מינען־פעלד, איבערשנײַדן די דײַטשישע דראָט־פאַרצוימונגען, דורכלאָזן אײַך דורך זיי און גיין אַהיים אַף דער קאָ־מיונגישער פאַרזאַמלונג, וואָרעם בא אונדז איז מאָרגן גאַנץ פרי אַ פאַר־זאַמלונג, און איך בין דער קאָמסאָרג. אָט אַזאַ איז די אויפגאַבע.

— מאָלאָדעץ! ביסט אַ כוואַט, — האָט זיך ווידער צעלאַכט מאַרטשענקאָ. — אויב אַזוי, זײַנען מיר דאָך צוויי מאָל לאַנדסלײַט. איך בין דאָ בא אונדז אויך אַ קאָמסאָרג. מיר גייען.

און די גרופּע האָט זיך דורך זײַטיקע שטעגלעך געלאָזט גיין צו דער פאָדערשטער ליניע, וווּ טראַפּקין האָט אַף איר געוואַרט.





# פערטער קאַפּיטל

אפנ פינפטנ טאָג נאָכ דעם, ווי ס'איז אוועק מאַרטשענקאָס גרופּע, האָט מאַמאָטשקינ ווידער באַגעגנט קאַטיענ און האָט זי אײַנגעלאַדנ צו די אויסשפּירער אינ שפּײַכלער אַרײַנ. דאָרט איז בא אימ געווענ פאַרבאַהאַלטנ א בוטל סאַמאָהאָנ.

אינ ווינקל פונעמ שפּײַכלער האָט ער אויסגעשפּרייטז א ווײַסנ טישטעכ, אײַנגעלאַדנ פּעאָקטיסטאָוונ און נאָכ עטלעכע פרײַנט זײַנע און זיכ אַוועקגעזעצט לעבנ קאַטיענ אפנ שטרוי.

אינ סאַמע ברעג פונ דער סודע איז אינ שפּײַכלער אַרײַנ טראָפּקינ. קײנער האָט זיכ ניט געריכט אפ אים. מאַמאָטשקינען איז געלונגענ צו באַהאַלטנ דאָס בוטל און די גלאָז. דעמ עמעס געזאָגט, איז אימ ניט גאָר אָנגענעמ געווענ אַרויסצוווײַזנ פאַרנ מיידל זײַנ דערשרעק, נאָכ ווייניקער אָנגענעמ וואָלט אָבער געווענ צו באַקומענ פונעמ לייטענאַנט א שטרענגנ אויסרייד.

טראָפּקינ האָט קרומ א קוק געטאָנ אפ די אויסשפּירער און אפ דעמ אומבאַקאַנטנ מיידל. די אויסשפּירער האָבנ זיכ א שטעל געטאָנ. טראָפּקינ האָט שטיל א זאָג געטאָנ: „וואָלנאָ” און האָט זיכ אַוועקגעלייגט

אם זײַן געלעגער אין ווינטן ווינקל. ער האָט שוין דרײַ מעסלעס ניט צוגעמאכט מיט קיין אויג. אייערנעכטן באַנאַכט האָט זיך געזאָלט אומ־קערן מאַרטשענקאָ. נאָר טראַפּקין האָט אומזיסט אָפּ אים געוואַרט אין דער טראַנשײ. אים האָט באַזונדערס באומרויִקט דאָס, וואָס די צוויי סאַפּיאָרן האָבן זיך אויך ניט אומגעקערט טייקעף נאָך דעם, ווי די אויסשפּירער זײַנען אַדורך דאָס מינען־פעלד. די גאַנצע גרופּע, וואָס איז אַוועק אין גערדיבטער באַשבעס אַרײַן, איז פאַרפאַלן געוואָרן, פאַרשווונדן, און אירע שפּורן האָט אָפּגעווישט דער רעגן.

טראַפּקין האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאָלדרע און איז אײַנ־געשלאָפן געוואָרן.

די אויסשפּירער האָבן שטילערהייט אויסגעטרונקען נאָך צו גלעזל, און קאַטיע האָט אַ פרעג געטאָן:

— דאָס איז אײַער קאָמאַנדיר? אַ שטילער אַזאַ און אַ יונגער.

טראַפּקין האָט זיך געוואָרפן אין אומרויִקן שלאָף און מיטאַמאָל אָנגעהויבן ריידן:

— פאַרוואָס ביסטו אַזוי לאַנג ניטאָ? אַ מאָדנער מענטש דו ביסט. און די סאַפּיאָרן זײַנען אויך ניטאָ. און מיר האָבן געהערט טשײַ־קאָווסקיס מוזיק. ס'אַרא טשודאַק דו ביסט. דו ביסט נאָך אַלץ ני־טאָ — טשו־דאַק.

עס איז ניט ענלעך געווען, ווי עמעצ זאָל ריידן פון שלאָף. ער האָט יעדעס וואָרט אַרויסגערעדט קלאָר און דײַטלעך, ווי עס רעדט אַ וואַכער מענטש. די אויסשפּירער איז געוואָרן אומהיימלעך. איינציק־ווײַז זײַנען זיי אופגעשטאַנען, זיך צעגאַנגען איבערן שפּײַכלער. באַם ווײַסן טישטעך איז געבליבן זיצן בלויז מאַמאָטשקין. קאַטיע איז מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צו טראַפּקינען און געבליבן שטיין איבער אים. זײַנע אויגן זײַנען געווען האַלב אָפן. די גימנאַסטיאָרקע צע־שפּיליעט, אָפן פּאָנעם איז פאַרגליווערט געוואָרן אַן אויסדרוק פון אַ באַליידיקט קינד. זי האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— ס'אַרא ווײַלינקער ער איז בא אײַך.

— וועק אים ניט, — האָט זיך גראָב אָפּגערופֿן מאַמאָטשקין.

אָבער קאַטיע האָט זיך ניט באַלײדיקט, זי האָט דערפֿילט אין זײַנע ווערטער די זעלבע צערטלעכקײַט צו טראָפֿקינען, וואָס אין איר אַלײן.

— ער איז אומרויִק, אונדזער לײטענאַנט, — האָט מאַמאָטשקין כמורנע דערקלערט.

די סודע איז צעשטערט געוואָרן. דאָס האָבן אַלע דערפֿילט. און בלויז קאַטיע איז אַרויס פֿון שפּײַכלער אין א געהויבענער שטימונג. און דאָס האַרץ האָט עפּעס מאָדנע גענאָגט.

גײענדיק דורכן וואַלד, האָט זי מיט אומרו און אַפֿילע מיט א גע־וויסער איבעראַשונג דערפֿילט אין זיך אָט די דאָזיקע שטימונג. וואָס האָט זי אַזוי באַרוישט, אָנגעפֿילט דאָס האַרץ מיט אַזא פֿרײדיקן אור־מעט? פֿאַר אירע אויגן האָט געשוועבט דאָס קימאַט קינדערשע פּאָ־נעם פֿונעם לײטענאַנט. זי האָט עפּשער דערזען אין אים איר אײ־גענע אָפּשפּיגלונג, דערפֿילט אין אים עפּעס ענלעכעס צו דעם ווײטעק, וואָס האָט זיך טיף פֿאַרטײַעט אין איר געמיט — דעם נאָך ניט פֿאַרהײלטן ווײטעק פֿון א מײדל פֿון א קלײן שטעטל, וואָס האָט זיך אין בלי פֿון אירע יאָרן געטראָפֿן אָפּ דער מילכאָמע פּאָנעם־על־פּאָ־נעם מיט דער גרויזאַמקײַט פֿונעם לעבן...

קאַטיע האָט אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער אָנגעהויבן אַרײַנגײן צו די אויסשפּירער. מאַמאָטשקין און די אַלע איבעריקע האָבן אויסגע־צײכנט פֿאַרשטאַנען קאַטיעס געמיט־צושטאַנד. מאַמאָטשקין האָט זיך אַפֿילע דערפֿרײט. ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר דעם, וואָס איז באַרופֿן צו באַזאָרגן דאָס פּריוואַטע לעבן פֿונעם לײטענאַנט. און ער האָט באַשלאָסן בא זיך, אַז א לײַכטער ראָמאַן מיט קאַטיען וואָלט פֿאַר טראָפֿקינען געווען גאָר ניט קײן קרומע זאַך. דאָס קאָן אים אָפּווענדן פֿון זײַנע שווערע מאַכשאָוועס. א בלינדער האָט דאָך געקאָנט זען,

ווי דעם ליטענאַנט פּײַניקט דער געדאַנק, אַז מאַרטשענקאָ און זײַנע גרופּע זײַנען, וואַרשײַנלעך, אומגעקומען.

די אויסשפּירער האָבן אָן אופהער אײַנגעלאָדן קאַטיען צו גאַסט, דערציילט איר אַלע נײַסן וועגן דעם ליטענאַנט, געלאָפן אין דער פאַר־בינדונג־ראָטע מיטיילן: „אונדזערער איז געקומען פון דער פאָדערש־טער ליניע". מיט איין וואָרט, מע האָט זיך שטאַרק געסטאַרעט דער־נענטערן קאַטיען מיט טראַפּקינען.

דער אײַנציקער, וואָס האָט קיין זאַך ניט באַמערקט, איז געווען טראַפּקין אַליין. איינמאָל איז ער געקומען אין שפּײַכלער און האָט דערזען, אַז זײַן ווינקל איז אָפּגעצוימט מיט פּלאַשטש־פּאַלאַטקעס און אָנגעשטאָפּט אַ בינטל שטרוי, איבערגעבעט מיט אַ קאָלדרע, שטייט דאָרטן אַן עמעס בעט און אַ טישל. אויפן טישל — אַ וואַזעטשקע מיט פרישע שניי־בלומען. ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— וואָסי? — האָט מיט אַ קלוימערשט נאַיווער מינע געענטפערט בראַזשניקאָוו, — קאַטיע, די ראַדיסטן, סטאַרעט זיך דאָס, כאָוועך ליטענאַנט.

טראַפּקין איז שטאַרק רויט געוואָרן:

— וואָס לאָזט איר אַרײַן אין ווזוואָד זײַטיקע מענטשן?

בראַזשניקאָוו האָט שולדיקלעך געשוויגן. ווען מאַמאָטשקין האָט זיך דערוווּסט וועגן אָט דעם שמועס, האָט ער מיט בידעש אַ זאָג געטאָן:

— ס'אַראַ מענטש דאָס איז! ער טראַכט נאָר וועגן ווזוואָד און וועגן די דײַטשן. נאָר וועגן זײ און מער גאָרנישט. ער האַלט נאָר אין איין מאָלן סכעמעס פון דער דײַטשישער שוץ־ליניע, זיצט בײַ דער כיאַפּע און נישטערט גאַנצענע טעג אויף דער פאָדערשטער ליניע.

וואָס שײַך קאַטיען, איז זי פּאַשעט געווען איבעראַשט פון טראַפּ־קינס פאַרשלאָסנקײַט און יוגנטלעכער שטרענגקײַט. ניין, צו אַזאַ

באציִונג צו זיך איז זי ניט געווען געוווינט. זי האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זײַן אומעטום א געווונטשענער גאסט, כאָטש געוווּסט האָט זי, אז די סיבע פון איר לײַכטן דערפאָלג זײַנען ניט אזוי אירע מײַלעס, ווי, גיכער פאר אלץ, דאָס, וואָס מענער זײַנען אין דער ארמיי דאָ א סאך און פרויען — נאָר געציילטע.

דערנאָך האָט זי זיך דערפילט דאָפּלט גליקלעך. דער מענטש, וועלכן זי האָט ליב באקומען, איז ניט קיין געוויינלעכער. ער איז א שטרענגער, א שטאָלצער און א ריינער. און אזא טאקע דארף ער זײַן. זי פלעגט זיך פארלירן אין זײַן אָנוועזנהייט און פלעגט זיך אליין ביידעשן, ווי קומט צו איר אזא שרעקעוודיקייט. צי איז עס זי, די זעלבע, וואָס האָט זיך פריִער געהאלטן פאר זייער א דערפארענער, קליינינקער באל־אווירעניצע? וועמען געשאָנקען א צופעליקן קוש, מיט וועמען א שטיפ געטאָן אזוי זיך, פארבײַגייענדיק, אין דעם הו־הא און הארמידער פון מילכאָמע, אוים אויגנבליקלעכער סימפּאַטיע אָדער ראכמאָנעס!

זי פלעגט זיך איצט דערמאָנען וועגן דעם, ווי וועגן עפּעס אזוינס, וואָס איז העסלעך, מיִעס, אָבער איז שוין לאנג פארשוווּנדן, פארגאנגען.

יעדן טאָג איז זי געקומען אין שפּײַכלער מיט בלומען. אָבער נאָך מער ווי דעם פרישן ריִעך פון פעלד־בלומען האָט זי געבראכט מיט זיך דעם אראָמאט פון ליבלעכער מיידלשאפט, נאָך וועלכער עס האָבן אזוי געבענקט די איינזאמע הערצער פון די סאָלדאטן. די אויסשפּירער האָבן צווישן זיך אפילע פארורטיילט דעם קאָמאנדיר פאר זײַן גלײַכגילט צום מיידל, כאָטש גלײַכצײַטיק זײַנען זיי געווען אנציקט פון זײַן פעלדזן־פעסטער אומצוטריטלעכקייט.

דער נאטשאלניק פונעם ארמייִשן אויסשפּיר פּאָלקאָווניק סערמיאָדקין, וואָס איז געקומען צו פאָרן אין דער דיוויזיע, האָט גראָד געטראָפן קאטיען אין דעם מאָמענט, ווען זי האָט ארײַנגעשטעלט

טרישע בלומענ איג דער בלויער וואזעטשקע. דער פּאָלקאָווניק איז אריינ אינ שפּיכלער א קוק טאָנ, ווּיאזוי לעבנ די אויסשפּירער. אָבער דאָ זײַנענ געוועזנ נאָר דער קעכער, דער דניעוואלני אונ אָט דאָס מיידל.

— ווער זײַט איר דאָ? — האָט א פרעג געטאָנ דער פּאָלקאָווניק.

— ראַדיסטנ, יונגערער סערזשאַנט סימאַקאָווא, — האָט קאַטיע געענטפערט.

— אונ איכ האָב געמיינט, אז איר האַנדלט דאָ מיט בלומענ, — האָט גאָליק באַמערקט דער פּאָלקאָווניק אונ איז ארויס פונ שפּײַכלער.

דערנאָכ האָט ער לאַנג געשמועסט מיטנ קאָמאַנדיר פונ דער דיוויזיע. זיי האָבנ זיכ העפלעכ, אָבער גאַנצ שארפ צעווערטלט:

— איר הייבט ניט אָנ צו וויסנ, וואָס טוט דער אַנטקעגנ שטייענדיקער סוינע, — האָט געזאָגט דער פּאָלקאָווניק סעמיאָרקינ, — איר האָט דענ א קלאָרנ באַגריפ וועגנ זײַנ נומעראַציע אונ וועגנ זײַנע פּלענער?

דער פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ האָט זיכ באַמיט ניט ארויסצוּווייזנ זײַנ אופרעגונג אונ געפרוּווט ענטפערנ מיט א שפּאַס:

— פונוואַנענ, אשטייגער, קאָנ איכ עס וויסנ? דער דיוויזיע־קאָמאַנדיר ווייסט צומאָל ניט, וואָס בא אים, אינ זײַנע טיילנ, טוט זיכ. הײַנט פונוואַנענ זאָל ער וויסנ, וואָס דער קעגנער טוט? אָט האָב איכ געשיקט אויסשפּירער אינ אנ אָפּעראַציע — האָבנ זיי זיכ ניט אומגעקערט. פאַר אײַכ זײַנענ נײַנ מענטשנ — ניט אזא גרויסער פאַרלוסט, צו דערלײַדנ. איר זײַט — די אַרמיי. אונ איכ בינ א קליינ מענטשל. פאַר מיר איז דער אומקום פונ נײַנ מאַנ — א גרויסער פאַרלוסט, זייער א גרויסער פאַרלוסט.

— ניאָס, לאָמיר זאָגנ, איז טאַקע אזוי, — האָט ניט דערווידערט דער פּאָלקאָווניק סעמיאָרקינ, — אָבער זעט, וואָס עס טוט זיכ בא

אײַך אין דער אויסשפּירונג. איך קום אַרײַן צו די אויסשפּירער — קײנער ניטאָ. דער דניעוואַלני ווײסט ניט, ווו זײ זײַנען. עמעס, כ'האָב דאָרט געטראָפן אַ מײדל מיט בלומען. ס'איז אַ אידיליע, און דער אויספאָרשער פון אײַער פּראָקוראַטור האָט מיר נאָרוואָס געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען אַן ערנסטע אָנקלאָגע אַף אײַערע אויסשפּירער. יאָ, באַוועך פּאָלקאָווניק, איר ווײסט ניט, און איך האָב זיך דערוווּסט, עפּעס אַ דאָרף באַקלאָגט זיך. אָט האָט איר אײַך די סיבעס פון דער שלעכטער אַרבעט פון אײַער אויסשפּירונג.

דער פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ האָט געהײסן אַרויסרופן דעם אויספאָרשער. ס'איז אַרײַן דער אויספאָרשער פון דער פּראָקוראַטור קאַפּיטאַן יעסקין. דאָס איז געווען אַ קלײנוווּקסיקער פּאַרשוין, מיט אַ גרויסן פּליכעוואַטן קאָפּ, אַ רוזיקער, אַ געזעצטער, מיט ברילן אַף די קורצזיכטיקע, טיף־דורכדרינגלעכע אויגן.

דער אויספאָרשער האָט דערצײלט, אַז פּויערים פון אַ נאָענטן דאָרף קלאָגן זיך, אַז די אויסשפּירער האָבן בײַ זײ אַנטליִען צוועלף פערד אַף אַ קורצער צײַט און אומגעקערט האָבן זײ נאָר צען. צו דער אָנקלאָגע איז בײַגעלײגט אַ קאַבאַלע־צעטעלע מיט ניט קײן קלאָרער אונטערשריפט.

— פאַרוואָס מײנט איר עפּעס, אַז די פערד האָבן גענומען גראָד אונדזערע אויסשפּירער?

דער אויספאָרשער האָט רויִק אויסגעהאַלטן דעם פּאָלקאָווניקס שטעכיקן בליק און געענטפערט:

— פּינקטלעך איז דאָס נאָך ניט פעסטגעשטעלט.

— איז דערווײסט זיך פּינקטלעך, דערנאָך וועט איר מיטײַלן. איר קאָנט גײן.

דער אויספאָרשער איז אַרויס, און דער קאָמדיוו האָט מיד געזאָגט דעם פּאָלקאָווניק סעמיאָרקינען:

— א גרופּע וועלן מיר אינ דײַטשישן טיל שיקן. אונ איך באַמיט זיך געבנ אונדז נאָכ אויסשפּירער.

ווענ אַלע זײַנענ זיכ צעגאַנגענ, איז דער פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ אויכ אַרויס פונ שטוב. ער איז אַוועק אינ דער ריכטונג צו דער ווינט־מיל, וואָס האָט זיכ קוימ באַוועגט. צוגייענדיק צו איינעמ פונ די שפּײַכלערס, האָט ער באַמ דניעוואַלני, וואָס איז געשטאַנענ לעבנ אַרײַנגאַנג, א פרעג געטאָנ:

— אויסשפּירער?

— יאָ, כאַווער פּאָלקאָווניק, — האָט געענטפערט דער דניעוואַלני אונ הויכ א געשריי געטאָנ אינ דעמ האַלב־טונקעלנ שפּײַכלער:

— אופשטיינ! סמירנאָ!

דער קאָמדיוו האָט אופמערקזאַמ באַטראַכט אַלצ, וואָס אינ שפּײַכלער. פאַר אימ זײַנענ געשטאַנענ א מאַנ אַכט אויסשפּירער. איינער פונ די ווינקלענ אינ שפּײַכלער איז געווענ אָפּגעצוימט מיט פּלאַשטש־פּאַלאַטקעס. דער קאָמדיוו איז שווײַגנדיק צוגעגאַנגענ צו אָט דעמ ווינקל. ער האָט א הייב געטאָנ א פּלאַשטש־פּאַלאַטקע אונ האָט דאָרט דערזענ קאַטיענ, וואָס איז אויכ געשטאַנענ „סמירנאָ". אופנ טישל אינ דער בלויער וואַזעטשקע האָבנ געשטעקט בלומענ, עס זײַנענ געלעגנ ביכלעכ אונ העפטנ.

דער שטרענגער אומצופרידענער בליק פונעמ קאָמדיוו איז א ביסל ווייכער געוואָרנ. ער האָט אופמערקזאַמ א קוק געטאָנ אַפ קאַטיענ אונ א פרעג געטאָנ:

— וואָס טוסטו דאָ?

דערנאָכ האָט ער זיכ געווענדט צומ דעזשורנעמ סערזשאַנט, וואָס איז צוגעלאָפנ צו אימ מיט א ראַפּאָרט:

— וווּ איז אײַער קאָמאַנדיר?

— דער לייטענאַנט איז אַפ דער פאָדערשטער ליניע.

— ווענ ער וועט קומענ, שיק אימ צו מיר.

ארויסגייענדיק, האָט ער זיך געווענדט צו קאַטיען:

— וועסט בלייבן דאָ, אָדער וועסט גיין מיט מיר?

— איך גיי, — האָט געענטפערט קאַטיע.

זיי זיינען ארויס באַנאַנד.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרשעמט? — האָט געפרעגט דער קאָמדיוו, — איך זע ניט דערין קיין שום בייז. טראַפּקין איז אַ וווי־לער יאַט, אַ דרייסטער אויסשפּירער.

זי האָט געשוויגן.

— וואָס? איינגעליבט זיך? אַזוי... און וואָס איז מיטן קאַפּיטאַן באַראַשקין? געוויזן אים דעם וועג?

— דאָס איז געווען — גאָרנישט... — האָט זי שטיל געענטפערט, — דאָס איז געווען סטאַם אַזוי זיך, נאַרישקייט...

דער פּאָלקאָווניק האָט אַ קוק געטאָן אויפן מיידלס אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— נו, און ער, טראַפּקין, וואָס? צופרידן? אַ מיידל אַ בדעם און דערצו נאָך ברענגט זי בלומען...

זי האָט גאָרנישט געענטפערט, און ער האָט פאַרשטאַנען.

— וואָס? ער האָט דיך ניט ליב?

עס האָט אים גערירט די אוראַלטע טראַגעדיע פון אומגליקלעכער ליבע, פאַרקערפּערט אין אַזאַ אומדערוואַרטן אופן אין אָט דעם ווייַ־סינקן מיידל אין דער אוניפאָרם פון אַ יונגערן סערזשאַנט. דאָ, אין סאַמע פלאַקער פון מילכאָמע, האָט געפלאַטערט אַ יונגע ליבע, ווי אַ פויגל איבער אַן אָפּגרונט.

זיי האָבן באַגעגנט דעם מיליטערישן פעלדשער אוליבישעוואַ, און דער קאָמדיוו האָט איינגעלאַדן זי מיט קאַטיען צו זיך אויף טיי.

נעקומען צום פּאָלקאָווניק אין שטיבל, האָבן ביידע מיידלעך גע־נומען באַלעבאַטעווען מיט דער הילף פונעם קאָמדיווס אָרדינאַרעץ,

געשטעלט דעם סאמאָוואר און, זיצנדיק באַם טיש, פרייִלעך גע־שמועסט וועגן דאָס און יענץ.

אין א ווײַלע ארום איז געקומען טראפקין.

— זעצט זיך, — האָט געזאָגט דער קאָמדיוו.

קאטיע האָט זיך א ביסל דערשראָקן, — זי האָט מוירע געהאַט, אַז דער פּאָלקאָווניק וועט אָנהייבן שפּאסן מיקויעך אירע געפילן צו טראפקינען. נאָר ער האָט וועגן דעם קיין איין וואָרט ניט געזאָגט. זיי האָבן געשמועסט עפּעס וועגן פערד, און קאטיע האָט צערטלעך געקוקט אַפן לייטענאַנט, אַפּ זײַן יונג ערנסט געזיכט, צוגעהערט זיך צו זײַנע קלאָרע פּינקטלעכע ענטפערס, כאָטש זי האָט ניט אַרײַנגע־דרונגען אין דעם טאָכ פון זייער שמועס און ניט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. מיטאמאָל איז איר געוואָרן אַזוי ביטערלעך־פאַר־דראָסיק.

„אינדערערעמעסן, — האָט זי געטראַכט, — וואָס פאר א פּאָר בין איך אים. ער איז אַזא קלוגער, אַזא ערנסטער. א שוועסטער איז בא אים א פידלערן, און ער אַליין וועט זײַן א געלערנטער אַוואַדע. און איך, וואָס? א מיידל, אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע".

טראפקין האָט אפילע ניט אָנגעהויבן זיך אָנשטויסן, וואָס דאָס מיידל באַהאַלט אין הארצן. איר אָפּטער אַרײַנקומען אין שפּײַכלער, איר אומגעבעטענע זאָרג וועגן זײַנע באַקוועמלעכקײַטן — דאָס אַלץ האָט ער געהאַלטן פּאָשעט פאר ניט קיין אָנשטענדיקער, נאַרישער און לעפּישער זאַך. ער האָט זיך געשעמט פאר זײַנע אויסשפּירער, וועלכע פלעגן זיך פּילדרײַטיק איבערקוקן און טאָמיד סטארען איבערלאָזן אים מיט קאטיען אַליין. איצט האָט ער זיך שטארק פארוווּנדערט, וואָס ער האָט זי געטראָפן באַם קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע אין צימער און דערצו נאָך באַם טיי טרינקען. און ווען דער קאָמדיוו האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער געשיכטע מיט די פערד, האָט טראפקין לעבאַטכילע א טראַכט געטאָן, אַז דאָס האָט קאטיע עפּעס אָנגעפּלאַפּלט. ער האָט

אינקורצן דערקלערט דעם פּאָלקאָווניק, ווי די זאַך איז געווען. פאַר די אויגן פון קאָמדיוו האָבן אופגעלעבט די טעג פון אָנגריפ, די קעל־סיידערדיקע מארשן, די בליץ־שנעלע קורצע צוזאמענשטויסן. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם פארדראָס, ווען דער סוינע איז אנטריַנען, פארשווונדן צווישן די פינגער, אין יענעם ערעוו־פרילינגדיקן טאָג, ווען ער איז געשטאנען אינמיטן צעשווענקטן, בלאָטיקן וועג און האָט איראָניזירט איבער די אויסשפּירער. פון דעם קאָמדיווס גרינלעך־גרויע אויגן האָט מיטאמאָל א ווונק געטאָן צו טראַפּקינען דער אַלטער אויס־שפּירער — דער אונטער־אָפיצער סערביטשענקאָ:

— מאַלאָדעץ, טראַפּקין.

דער פּאָלקאָווניק האָט א פרעג געטאָן:

— דו האָסט ווירקלעך אומגעקערט די פויערים אַלע פערד?

טראַפּקין האָט באַשטעטיקט:

— ווירקלעך.

מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און אפן שוועל האָט זיך באַוויזן דער קאַפּיטאַן באַראַשקין.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען? — האָט אומצופרידן א פרעג גע־טאָן סערביטשענקאָ.

— איך האָט מיך ניט ארויסגערופן, כאַווער פּאָלקאָווניק?

— ארויסגערופן מיט א שאָ דריַי צוריק. סעמיאָרקין האָט גע־רעדט מיט דיר?

— גערעדט, כאַווער פּאָלקאָווניק.

— נו, איז וואָס?

— מיר שיקן א גרופּע צום סוינע אין הינטערלאַנד.

— ווער וועט זיַין דער עלטסטער?

— אָט ער, טראַפּקין, — האָט מיט פארבאָרגענער בייזער צופרידנ־קייט געענטפערט באַראַשקין.

אויב באַראַשקין האָט גערעכנט ארויסצורופן אפּ טראַפּקינס פּאַ־

נעמ כאָטש דעמ מינדסטנ אויסדרוק פונ פארלאָרנקייט אָדער שרעק, האָט ער א טאָעם געהאט אינ בעזשבנ. טראפּקינ איז געבליבנ רויק אונ געלאסנ. אוליבישעווא האָט זיכ גאנצ געמיטלעכ אָנגעגאָסנ טיי, ניט ווייסנדיק, ווענג וואָס עס האנדלט זיכ דאָ, אונ קאטיע האָט קלאָר ניט פארשטאנענ, אז דער געשפּרעכ האָט גאָר א נאָענטע שייכעס צומ גוירל פונ איר ליבע.

דער איינציקער, וואָס האָט יאָ פארשטאנענ בארא‌שקינס מיינ, איז געווענ דער קאָמאנדיר פונ דער דיוויזיע. ער האָט אָבער ניט געהאט קיינ גרונט ניט איינצושטימענ מיט בארא‌שקינענ. ווירקלעכ, די בעסטע קאנדידאטור אלס אָנפירער מיט אָט דער אומגעהייער שווערער אָפּעראציע איז — טראפּקינ.

— גוט,—האָט געזאָגט דער קאָמדיוו אונ אָפּגעלאָזנ בארא‌שקינענ. באלד נאָכ דעמ האָט זיכ אופגעהויבנ טראפּקינ.

— נו, גוט, גיי, — האָט אימ סערביטשענקאָ ארויסבאגלייט, — גרייט זיכ, ס'איז אנ ערנסטער איניענ.

טראפּקינ איז ארויס פונ שטיבל.

צוהערנדיק זיכ צו דעמ אויסשפּירערס טריט, האָט דער פּאָלקאָווניק שווערמוטיק א זאָג געטאָנ:

— א ווילער יאט.

נאָכ טראפּקינס אוועקגיינ האָט זיכ קאטיעס שויג ניט געזעסנ. זי האָט זיכ געזעגנט אונ איז אוועק. עס איז געווענ א ווארעמע לעוואָנע־נאכט. די טיפע נאכטיקע וואלד־שטילקייט איז בלויז זעלטנ געשטערט געוואָרנ פונ א ווייטנ אופרייס אָדער פונ דער גרילצערײַ פונ א לאסט־מאשינ.

קאטיע האָט זיכ געפילט גליקלעכ. איר האָט זיכ געדוכט, אז טראפּקינ האָט אפּ איר הײַנט געקוקט א סאכ צערטלעכער ווי שטענדיק. אונ זי האָט געטראכט, אז אויב אזא אלמעכטיקע פּערזאָנ, ווי דער קאָמאנדיר פונ דער דיוויזיע, באציט זיכ צו איר אזוי

מענטשלעכ־ווארעמ, וועט ער שוינ קאָנענ איבערצײַגנ טראפקינענ, אז זי, קאטיע, איז אויכ גאָר ניט קיינ פוסט מיידל, אז זי פארמאָגט אויכ מײַלעס, וועלכע מע קאָנ שעצנ. אונ אינ דער לעוואָנע־נאכט האָט זי אומעטומ געזוכט איר געליבטנ אונ האָט געשעפטשעט אלטע ליבע־ווערטער, קימאט אזעלכע, ווי אינ שיר־האשירימ, כאָטש זי האָט עס קיינמאָל ניט געלייענט אונ, געוויס, אפילע ניט געהערט.





# פינפטער קאפיטל

„א גוטמאָרגנ, כאָווער לייטענאנט, עס שרײַבט אײַכ איוואנ׳ וואָ־ביליעוויטש אניקאנאָוו, אײַערער אנ אויסשפּירער, סערזשאנט אונ קאָמאנדיר פונ דער ערשטער אָפּטיילונג. איכ קאָנ אײַכ מעלדנ, אַז עס לעבט זיכ מיר גוט, וואָס איכ ווינטש אויכ אײַכ פונ פולנ הארצנ. אינ שפּיטאָל האָט מענ בא מיר ארויסגענומענ די קויל, וואָס האָט זיכ געפונענ, ווי דאָקטוירימ זאָגנ, אינ די ווייכע געוועבנ פונ לינקנ פוס. אונ דערנאָכ האָט מענ מיכ אָפּגעשיקט אינ א רעזערוו־פּאָלק, די ערשטע צײַט איז מיר דאָ געווענ ערגער, ווײַל עסנ גיט מענ דאָ ניט אזוי גוט, ווי אפנ פראָנט, אונ איכ, דעמ עמעס געזאָגט, האָב ליב אָפּ־צועסנ אונ בינ שטארק געוווינט צומ פראָנט־פּאיאָק. מע האָט געמוזט א גאנצנ טאָג זוברעווענ דעמ סטאטוט, אַלצ פוגדאָסנײַ. פונ קיינ דײַטשנ איז דאָ, פארשטייט זיכ, קיינ זייכער ניטאָ. אונ אפ שיסנ גיט מענ ניט קיינ פּאטראָנעס. אונ אָט איז נאָכ א צאָרע. מע האָט בא מיר צוגענומענ מײַנ פּיסטאָלעט „וואלטער“, וואָס איכ האָב פאר־כאַפּט, אויב איר געדענקט, בא יענעמ דײַטשישנ קאפּיטאנ מיטנ שווארצנ טוב אפנ אויג. איכ בינ געגאנגענ זיכ קלאָגנ צומ היגנ



4*

קאמבאט, האָט ער געזאָגט, אז א סערזשאַנט באַדאַרף ניט קיין פּיס־טאָלעט. איַי, איך בין ניט פראָסט א סערזשאַנט, נאָר אַן אויס־שפּירער, און כ'האָב אזעלכע פּיסטאָלעטן איבערגעהאט אוואַדע א צוויי מייעס — פון דעם וויל ער ניט וויסן. דערנאָך האָט מען מיך אריבערגעפירט אין דער באַהילפיקער ווירטשאַפט, און דאָ לעבט זיך מיר, ווי א פאַרמעגלעכן קאָלווירטניק. איך האָב דאָ אַלץ — אי סמע־טענע, אי פּוטער, אי אַלע מינים גרינס, ביפראַט, אז איך בין אָ דאָ א מין עלטסטער — פּאַרט א געוועזענער פּאַרזיצער פון א קאָלווירט. הייסט עס, מיר אַקערן און מיר זייען, אַלץ ווי עס געהער צו זיין, און אין אָוונט, אָפּגעגעסן א פעטן באָרשטש און פּאַרטרונקען מיט מילך, ליג איך מיר אָפּ א פּערענע. פון דער באַלעבאָסטעס מאַן זיי־נען נאָך זינט דעמי ערשטן מילכאָמע־יאָר קיין בריוו ניטאָ, ווייזט אויס, אומגעקומען. זאָרגט זי וועגן מיר. און איך ליג מיר און טראַכט וועגן איַיך, כאַווער טראַפּקין, און וועגן די כאַווייירים מייַנע פון מייַן ווזוואָד און דערמאָן זיך אונדזערע אָפּעראַציעס און דעריקער איַיערע מאַטערנישן, וויאַזוי איר, א דאַרער און א שוואַכינקער שטאָטישער מענטש, אָפּפערט זיך פאַר אונדזער גרוים ליב היימלאַנד, און מייַן האַרץ ווערט פאַרלאָפן מיט בלוט. און איך בעט איַיך, כאַווער לייטע־נאַנט, דורכריידן זיך מיטן כאַווער סערביטשענקאָ, עפּשער וועט ער צושיקן א פאָרערונג, אז מע זאָל מיך אָפּלאָזן צו איַיך. איך קאָן דאָ ניט בלייבן אָן איַיך, כאַווער טראַפּקין. וויאַזוי האָב איך ניט דער־פירט ביזן סאָף די מילכאָמע צוזאַמען מיט איַיך און לעב ווי א פאַרמעגלעכער קאָלווירטניק, און עס באַקומט זיך גאָר, אז איר באַ־שיצט מיך פונעם דייטש.

מיט גרוס צו איַיך און צו אונדזער גאַנצן רומפולן ווזוואָד איוואַן וואַסיליעוויטש אַניקאַנאָוו".

טראָפּקין האָט א סאַך מאָל געלייענט און איבערגעלייענט דעם בריוו און זיך איבעראַנייס דערמאָנט, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַנ אַניקאַנאָוו, און ווי גוט וואָלט געווען, ווען ער איז איצטער דאָ. ער האָט אים פאַרגליכן מיט די איבעריקע אויסשפּירער און האָט בא אים געפונען גאָר באַזונדערע מעלעס. אַניקאַנאָוו איז געווען רויק, געוואַגט און אויסגערעכנט אַפּ דער האָר. ער האָט קיינמאָל ניט גע־ ווּסט, וואָס איז אַזוינס פּאַניק.

טראָפּקין איז אַרויס פון שפּיַכלער. אינ דרויסן — א קילער פאַרטאָג. ער האָט אַוועקגעשפּאַנט צום יאַר, ווו ער פלעגט דורכפירן די טאַקטישע לער מיט די אויסשפּירער. דער יאַר האָט מיט זיך פאַר־ געשטעלט קימאַט א קאָפּיע פון דערווירקלעכער פאָדערשטער ליניע. אינמיטן יאַר — א סאַזשלקע, איבער וועלכער עס זיינען אַראָפּגע־ האַנגען ווערבע־צווייַגן. ניט קיין טיפע טראַנשיי, וואָס די אויסשפּי־ רער האָבן אויסגעגראָבן ספּעציעל פאַר די איבונגען, און צוויי רייען דראָט־פאַרצוימונגען האָבן באַצייכנט די פאָדערשטע ליניע פון דעם „סוינע".

אָט אַפּ דער „פאָדערשטער ליניע" האָט איצט טראָפּקין נאַכט אין נאַכט דורכגעפירט די לער מיט די אויסשפּירער, וועלכע האָבן מיט אים צוזאַמען געזאָלט גיין אויספירן די אויפגאַבע צום סוינע אין הינטערלאַנד. מיט זיין געוויינלעכער אַקשאָנעס האָט ער זיי געטריבן אין דער קאַלטער סאַזשלקע אַריין, דאַן האָבן זיי געשניטן די דראָטן, באַטאַפּט מיט לאַנגע שטעקנס די קלוימערשטיקע מינען־פעלדער און איבערגעשפּרונגען די טראַנשייען.

נעכטן האָט ער צוגעטראַכט א נייַע שפּיל. א פּאָר אויסשפּירער האָט ער אַרייַנגעזעצט אין טראַנשיי, און די איבעריקע האָבן געדאַרפט צופּויזען צו זיי אַזוי שטיל, אַז יענע זאָלן עס ניט באַמערקן, קיין שאָרך זאָל זיך ניט הערן. ער אַליין איז אויך געזעסן אין דער טראַנשיי און האָט זיך צוגעהערט צו די באַנאַכטיקע קלאַנגען, אָבער זיין גע־

דאנק איז געווען ניט דאָ, נאָר דאָרט, אפּ דער ווידקלעבער פּאָדערשטעד ליניע, ווו די דײַטשן האָבן אויסגעבויט אַ מעכטיקע סיסטעם פֿון אינזשעניער־באַפֿעסטיקונגען, וועלכע אים וועט אויסקומען בײַצוקומען אײַנגיכן.

דערצו נאָך האָט דער ווזוואָד באַקומען צען נײַע אויסשפּירער. האָט שוין טראַפּקין געמוזט, כּוץ זײַנע נאַכט־איבונגען מיט דער גרופּע, וואָס וועט גיין מיט אים אין סוינעם הינטערלאַנד, געפֿינען צײַט צו פֿאַרנעמען זיך מיט זיי. אויסער דעם האָט ער געדאַרפֿט אָבטונג געבן, וואָס טוט דער קעגנער אַפּ דער פּאָדערשטער ליניע, דער־לערנען זײַנע אופֿירונגען. אַרבעטנדיק טאָג און נאַכט מיט שווערער סאָלדאַטישער האָרעוואַניע, איז טראַפּקין געוואָרן נערוועז און אַ סאַך שטרענגער צו זײַנע אויסשפּירער. פֿריִער פֿאַר אַלע האָט געכאַפּט אַ פּסאַק מאַמאָטשקין. דער לייטענאַנט האָט אים אַ פֿרעג געטאָן, ווו קריגט ער אַזויפֿיל עסנווארג. מאַמאָטשקין האָט עפּעס אַ מרוקע גע־טאָן מיקויעכ דעם, אַז די פֿויערים שענקען דאָס אים, און טראַפּקין האָט געגעבן דעם „כוואַט" דרײַ מעסלעס אַרעסט.

קאַטיען האָט ער העפֿלעך, אָבער פֿעסט געבעטן דערוויַיל — אַזוי האָט ער געזאָגט: דערווײַל — אופֿהערן זיך אַרומדרייען אין שפּײַכלער. עמעס, אים האָט אַ ביסל געריידט איר דערשראָקענער בליק, ער האָט אפֿילע געוואָלט זי אומקערן. אָבער ניין, ער האָט עס ניט געטאָן.

דעם גרעסטן הארצווייטעק האָט טראַפּקין געהאַט פֿונעם אומ־דערהערטן צופֿאַל מיטן נײַעם אויסשפּירער פּעאָקטיסטאָוו, אַ הויכן, געזונטן יונג, ערגעץ פֿון הינטער קאַזאַן.

אין יענעם אינדערפֿרי איז געגאַנגען אַ רעגן, און טראַפּקין האָט באַשטימט געבן די אויסשפּירער אַ שטיקל אָפּרו. ער איז אַרויס פֿונעם שפּײַכלער און איז אַוועק צו באַראַשקינס בלינדאַזש, ווו דער איבערזעצער לעווין האָט מיט אים געלערנט דײַטש. אין די קוסטעם בא דער מיל האָט ער דערזען פּעאָקטיסטאָוון. אַ הויכער, אַ פֿעסטער,

איז פּעאָקטיסטאָוו געלעגן אפּנ נראָז קימאַט נאַקעט אונטערנ שלאַקס־רעגנ. טראַפּקינ האָט פאַרוווּנדערט א פרעג געטאָנ, וואָס דאָס באַ־טײַט. פּעאָקטיסטאָוו איז אופגעשפּרונגענ אונ האָט געזאָגט — קענ־טיק איבערגעשראָקנ:

— קאַלטע וואַנעס, כאַוועָר ליטענאַנט. אַזוי בינ איכ פונ דער היימ געוווינט.

אָבער אינ דער זעלבער נאַכט, ביים די איבונגענ, האָט זיכ פּעאָק־טיסטאָוו שטאַרק פאַרהוסט. לעכאַטכילע האָט טראַפּקינ דערופ קיינ אַכט ניט געלייגט. נאָר שפּעטער, ווענ פּעאָקטיסטאָוו האָט זיכ ווידער צעהוסט, האָט דער ליטענאַנט אַלצ פאַרשטאַנענ. פּעאָקטיסטאָוו האָט זיכ ספּעציעל געזענ פאַרקילנ. די אַלטע אויסשפּירער האָבנ אימ גע־ווים דערציילט, אַז א מענטש, וואָס הוסט, ווערט מענ אפּ קיינ אָפּע־ראַציעס ניט מיטנעמענ, ווײַל דער הוסט קאָנ דעמאַסקירנ די גאַנצע גרופּע.

טראַפּקינ האָט נאָכ קיינמאָל אינ זײַנ לעבנ ניט געפילט אַזא מוירע־דיקנ צאָרנ אונ עקל. עס האָט אימ געקאָסט ניט ווייניק מי זיכ צו באַצוימענ אונ ניט דערשיסנ אָט דעמ הויכנ דערשראָקענעמ אויסוווּרפ טאַקע דאָ אפּנ אָרט, בא דער לעוואָנע־שײַנ, פאַר די אויגנ פונ די פאַרכידעשטע אויסשפּירער.

אפּ מאָרגנ האָט מענ פּעאָקטיסטאָוונ אָפּגעשיקט. אָבער אפילע איצט האָט זיכ טראַפּקינ ניט געקאָנט באַפרײַענ פונעמ עקל־געפיל.

קאַיאָר. טראַפּקינ האָט מיט זיכ מיטגענומענ צוויי אויסשפּירער אונ איז אוועק אינ זײַנ געווײַנלעכנ וועג, צומ טײַכ, צו דער פאָ־דערשטער ליניע.

וואָס נעענטער אהינ, אַלצ אָנגעשטרענגטער אונ דריקנדיקער איז די לופט, ווי דאָס וואָלט געווענ ניט די אַטמאָספער פונ דער ערד, נאָר פונ עפּעס אַנ אַנדער, אַנ אומבאַוווּסטער פּלאַנעטע.

אַנ אָפּטער פײַער פונ קוילנוואַרפערס, באַטויבנדיקע קרעכצנ

פון מינענוואַרפערס, — און נאָכדעם א פאַרדעכטיקע שטילקייט, וואָס פאַרבאָרגט אין זיך נייע אָנצאָליקע מעגלעכקייטן פון א פלוצלינגדיקן טויט.

איינער נאָכן אַנדערן, אָנגעטאָן אין די גרינע כאַלאַטן, זיינען זיי געגאַנגען פאַרביי ביימער, צעקאַליעטשעטע פון סנאַריאַדן, פאַרביי אַרטילעריע־פּאָזיציעס.

אין די טראַנשייען פון צווייטן באַטאַליאָן האָט טראַפּקין גע־טראָפן מאַמאָטשקינען. נאָך דער האָופּטוואַכטע האָט אים טראַפּקין געשיקט אַהער — זאָל ער דאָ נאָכשפּירן נאָך חעם סוינע: נעענטער צום פיינט, ווייטער פון די הינער. ווייל־יונגעריש, ווי זיין שטייגער, א קלאָפּ טוענדיק מיט די אָפּצאַסן, האָט מאַמאָטשקין ראַפּאָרטירט דעם לייטענאַנט און איבערגעגעבן אים די סכעמע פון זיינע באַאָבאַכטונ־גען און די נאָטיצן, וואָס ער האָט געמאַכט וועגן דער אויפירונג פונעם קעגנער פאַרן לעצטן מעסלעס.

פון א קוילנוואַרפער־דזאָט האָט טראַפּקין באַאָבאַכטעט אין א סטערעאָ־טרויב די דייטשישע פאָדערשטע ליניעס. צו אים אין דזאָט פלעגן געוויינלעך אַריינקומען דער קאָמאַנדיר פון צווייטן באַטאַליאָן קאַפּיטאַן מושטאַקאָוו און דער אַרטילעריסט קאַפּיטאַן גורעוויטש. זיי האָבן געוווּסט, וואָס פאַר אַן אויפגאַבע עס שטייט פאַר טראַפּקי־נען, און ער האָט מיט פאַרדראָס געלייענט אין זייערע אויגן א מין אַנטשולדיקונג, ווי זיי וואָלטן זאָגן: דו מוזט גיין אַהין, און מיר וועלן דאָ בלייבן זיצן אין א גוט באַשיצטן בלינדאַזש.

אפילו זייער גרייטקייט צו טאָן פאַר אים אַלץ, וואָס זיי זיינען אים־שטאַנד, און זייער אַכטונגספולער טאָן האָט אים געערגערט. אינער־לעך האָט ער פּראָטעסטירט קעגן זייערע מאַכשאָוועס, קעגן דעם, וואָס זיי האָבן שוין אַפריער שאָלעמ געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז עס וואַרט אַף אים דער טויט. ער האָט קרומלעך געשמייכלט, קוקנדיק אין דער סטערעאָ־טרויב און געטראַכט: „אַליין זיך ניט, פריינט, מיט אַנדערע

מאָרעשכוירעדיקע מאַכשאָוועס... מירנ נאָכ זענ, ווער וועמענ ס'וועט איבערלעבנ..."

דאָס הייסט ניט, אַז ער האָט זיי געוווּנטשנ בייז, פאַרקערט, ביידע זײַנענ אים געווענ זייער ליב אונ סימפּאַטיש. מושטאַקאָוו איז געווענ דער בעסטער קאָמבאַט אינ דיוויזיע — אַ יונגער, אַ שיינער, אַ קרעפּ־טיקער. באַזונדערס איז טראַפּקינענ געווענ צומ האַרצנ דער שטענדיק טאַקטישער אונ אַקוראַטער אַרטילעריסט מיט זײַנע אויסגעצייכנטע מאַטעמאַטישע פעיִקײַטנ. זײַנ באַטאַריי האָט אַלעמאָל געשאָסנ פּינקטלעכ אינ ציל אונ האָט אָנגעוואָרפנ אַנ איי־מע אַפ די דײַטשנ. גורעוויטש איז גאַנצע טעג אַרומגעקראָכנ אינ דער טראַנשיי אונ האָט אָנ אופהער, מיט דער באַשטענדיקײַט, וואָס קומט פונ גרויסנ האַס, נאָכגעפּאָלגט נאָכ דער מינדסטער באַוועגונג פונ די דײַטשנ אונ האָט שטענדיק מיטגעטיילט טראַפּקינענ זייער ווערט־פולע ידיעס.

טראַפּקינ האָט אויפמערקזאַמ געקוקט אַפ די דײַטשישע טראַנ־שייענ אונ דראָט־פאַרצוימונגענ אונ האָט אינ געדאַנק פיקסירט די מינדסטע בייגונגענ פונעמ באָדנ, די ריכטונג פונעמ פײַער פונ די דײַטשישע קוילנוואַרפער. איינ געדאַנק האָט אים געעגבערט דעמ מוי־עכ — וואָס טוט זיכ אינ וואַלד, דאָרט, הינטער די דײַטשישע פּאָ־זיציעס.

מיט אַ געפיל, ענלעכ צו ווירקלעכער קינע, האָט ער געקוקט אַפ די שוואַרצע קראָענ, וואָס פליִענ פרײַ פונ אונדזער פּאָדערשטער ליניע אַפ דער דײַטשישער אונ צוריק. פאַר זיי עקזיסטירנ ניט אָט די גרויזאַמע מעכיצעס. אָט ווער עס וואָלט געקאָנט דערציילנ וועגנ אַלצ, וואָס סע טוט זיכ אַפ דער דײַטשישער זײַט. ער האָט געטרוימט וועגנ אַ קראָ מיט לאָשנ, אַ קראָ — אַנ אויסשפּירער, אונ, דאַכט זיכ, וועג ער אַליינ וואָלט געקאָנט איצט מעגולגל ווערנ אינ אַזאַ מינ פויגל, וואָלט ער מיט פרייד אָפּגעזאָגט זיכ פונ זײַנ מענטשלעכ געשטאַלט.

אַנגעקוקט זיך ביז כּאַלאַשעס און געמאַכט די נייטיקע נאָטיצן, האָט טראַפּקין איבערגעלאָזן די אויסשפּירער צו באַאָבאַכטן, און אַליין איז ער אַוועק אין בלינדאַזש צו מושטאַקאָוון.

דאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט די יונגע קאָמאַנדירן פון די ווזוואָדן, וואָס האָבן ערשט געענדיקט ערגעץ אין טיל מיליטערישע שולן און זײַנען געקומען אַפּן פראָנט. דאָס זײַנען געווען יינגערע לייטע־נאַנטן, אָנגעטאָן אין נײַיִנקע מיליטערישע בגאָדים און אין קירזאָווע שטיוול מיט זייער ברייטע כאַליעוועס.

איבערגעריסן אין סאַמע מיט דעם לעבעדיקן געשפּרעך, האָבן זיי באַגעגנט טראַפּקינען מיט אַן ערפּורכטיק שווײַגן. טראַפּקין האָט גע־פילט אַף זיך נײַגעריקע בליקן פון די יונגע אָפיצערן. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זיי, ווי קורץ ס'איז אָפטמאָל איצט דער לעבנס־וועג פון די דאָזיקע יונגע מענטשן. זיי וואַקסן, לערנען זיך, האָפן, לעבן איבער געוויינלעכע לײַדן און פריידן — און אָט אין איינעם אַ נעפּלדיקן פרימאָרגן, נאָך באַוויזן אויפצוהייבן זייערע מענטשן אין אַטאַקע, פאַלן זיי אַף דער פײַכטער ערד, קעדיי שוין מער ניט אויפ־צושטיין. עס טרעפט, אַז די סאָלדאַטן קאָנען ניט דערמאָנען אַזאַ קאָמאַנ־דיר מיט אַ גוט וואָרט אפילו: די באַקאַנטשאַפט איז געווען צו קורץ.

טראַפּקין איז בעערעך געווען פון דעם זעלבן עלטער, וואָס זיי, ער האָט זיך אָבער געפילט אַ סאַך עלטער. עס איז אים אָנגענעמ געווען צו וויסן, אַז ער האָט שוין עפּעס־וואָס אויפגעטאָן. ווען ער קומט אום, וואָלטן די סאָלדאַטן זײַנע נאָך אים בעעמעס געטרויערט, עס וואָלט אים אויך געווים דערמאָנט אפילו דער קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע. „און אָט דאָס מיידל, — האָט ער פּלוצעמ אַ טראַכט גע־טאָן, — אָט די קאַטיע".

אָט אַזוי האָט ער, אַליין עפּשער ערעוו זײַן אייגענעמ אומקום, מיט אַ געפיל פון ראַכמאָנעס און מיטלייד באַטראַכט די יינגערע לייטענאַנטן.

איינער פון זיי, א באָכער מיט גרויסע בלויע אויגן, וואָס האָט מיט א באזונדער נײַגיר די גאנצע צײַט געקוקט אָפּ טראפּקינען, איז אים באזונדערס געפעלן געוואָרן. זיך געטראָפן מיט טראפּקינס בליק, האָט ער שטיל, באשיידן געזאָגט:

— נעמט מיך מיט זיך. איך וועל מיט פארגעניגן גיין אין אויסשפּיר.

אָט אזוי האָט ער טאקע געזאָגט: „מיט פארגעניגן".

טראפּקין האָט א שמייכל געטאָן:

— גוט. איך וועל בעטן דעם שעף פון שטאב, אז ער זאָל דערלויבן אײַך גיין מיט מיר, מענטשן איז בא מיר קנאפּלעך.

ווען ער איז געקומען אין דיוויזיע־שטאב, האָט ער זיך ווירקלעך געווענדט צום פּאָדפּאָלקאָווניק גאליִעוו וועגן דער ביטע פונעם יונגערן לייטענאנט. גאליִעוו האָט אײַנגעשטימט און באפוילן אָנקלינגען וועגן דעם אין פּאָלק.

אָט אזויארום האָט זיך אין שפּײַכלער באוועצט דער יונגערער לייטענאנט מעשטשערסקי — א שלאנק, בלוי־אויגיק צוואנציק־יאָריק באָכערל אין גוואלדיק ברייטע קירזעווע שטיוול. בא אים אין טשעמאָדאנטשיק זײַנען געלעגן עטלעכע ביכער, און אין דער פרײַער צײַט האָט ער געלייענט פאר די אויסשפּירער לידער, געלייענט מיט גרויס באגײַסטערונג. די אויסשפּירער זײַנען געזעסן אין דער האלבטונקלקײַט פונעם שפּײַכלער און מיט ערנסטע פּנעמער צוגעהערט זיך צו די געטאָקטע קײַלעכדיקע ווערטער, באוווּנדערט די קונסט פון פּאָעט און מעשטשערסקיס היספּײַלעסדיקע דעקלאמאציע.

איינמאָל, ווען טראפּקין איז ניט געווען, איז אין שפּײַכלער ארײַנגעקומען קאטיע. מעשטשערסקי האָט זי זייער פרײַנטלעך באגעגנט, דערלאנגט איר די האנט און זייער העפלעך געבעטן זיצן. דאָס איז זייער געפעלן געוואָרן די אויסשפּירער, און א ביסל איז דאָס זיי געווען קאָמיש. זיי האָבן זיך שוין באוויזן אָפּגעוווינען פון אזעלכע צערעמאָניעס.

איינמאָל האָט מעשטשערסקי פאַרביַיגייענדיק געזאָגט טראַפּקינען:

— אַן אויסגעצייכנט מיידל איז אָט די ראַדיסטקע.

— װעלכע?

— קאַטיאַ סימאַקאָװאַ. זי קומט אַהער אָפט אַריַין.

טראַפּקין האָט געשװיגן.

— איר קענט זי דען ניט? — האָט מעשטשערסקי געפרעגט.

— כ'קען. מיט װאָס איז זי אַזאַ אויסגעצייכנטע?

— זייער אַ גוטע. װאַשט די אויסשפּירער די װעש, זיי לייענען איר די בריװ, װאָס זיי באַקומען פון דער היים, טיילן זיך מיט איר מיט זייערע ניַיעסן. װען זי קומט אַריַין, זיַינען אַלע שטאַרק צופרידן. זי זינגט שיין.

אַ צװייט מאָל האָט מעשטשערסקי מיט זיַין געװיינלעכער היספּעַילעס אַ זאָג געטאָן:

— און זי האָט ראַב איַיך ליב, ערנװאָרט, זי האָט איַיך ליב. שוין זשע באַמערקט איר עס ניט? עס איז דאָך אַזוי קלאָר... װי גוט דאָס איז. עס פרייט מיך פאַר איַיך.

טראַפּקין האָט אָנגעצװיגן אַ שמייכל געטאָן:

— פון װאַנען װייסט איר דאָס? זי האָט איַיך געזאָגט?

— ניין, צו װאָס זאָגן... כ'האָב עס אַליין באַמערקט. אַן אויסגעצייכנט מיידל, זאָג איך איַיך.

— יאָ, זי װעט יעדן איינעם ליב האָבן, — האָט טראַפּקין גראָב אַ זאָג געטאָן.

מעשטשערסקי האָט זיך קרענקלעך אַ קנייטש געטאָן און האָט אַפּילע זיך צעפּאָכעט מיט די הענט:

— װאָס רעדט איר?.. װיאַזױ קאָנט איר גאָר אַזוי טראַכטן? ניט עמעס.

— צײַט גיין אָפּ די נאַכטיקע לימודים, — האָט טראַפּקין איבערגעריסן דעם געשפּרעך.

מעשטשערסקי האָט געלערנט מיט גרויס פלײַס. פון אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער באַקומען קימאַט קינדערשן פאַרגעניגן. ער האָט געפּויזעט ביז מיד ווערן, געקראָכן מיט גרויס בעריעשאַפט אין דער קאַלטער סאַזשאַלקע און גאַנצענע נעכט גרייט געווען צו הערן די אומענדלעכע שלאַכט־געשיכטעס פון דעם וויזוואַד. מעשטשערסקי איז אַלץ מער און מער געפעלן געוואָרן טראַפּקינען, און קוקנדיק אַף דעם בלוי־אויגיקן באָכער, האָט ער געטראַכט: „דאָס וועט זײַן אַן אָדלער".





## זעקסטער קאפּיטל

— הייסט עס, מאָרגן באַנאַכט טרעטן מיר אַרויס. האַלעווײַ זאָל די נאַכט זײַן אַ פֿינצטערע — דאָס איז פֿאַרן אויסשפּירער וויכטיקער ווי אַלץ, — האָט מאַמאָטשקין גערעדט פֿאַר די יונגע אויסשפּירער מיט אַ טאָן פֿון אַ לערער.

ער איז געווען היפּש בעגילופֿן. טראַפּקין האָט אים אָפּגעלאָזן פֿון דער פֿאָדערשטער ליניע אָפּצורוען. איז ער קוידעמקאָל אַוועק צו „זײַנע" אַלמען. ער האָט געבראַכט אין שפּײַכלער אַ קריגל האָניק, אַ פּאָר פֿלעשלעך סאַמאַהאָן, אַ טאָפּ פּוטער און כאַזער־וווּרשט. אָפּ דעם אַלטנס שוואַכע דערוווּנדערונגען, וואָס מאַמאָטשקין מאָנט אַ צו גרויסן צינז, האָט ער געענטפֿערט:

— זאָרג ניט, אַלטער. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז איך וועל שוין מער קיינמאָל ניט קומען צו דיר. איך וועל, פֿאַרשטייט זיך, אַרײַנפֿאַלן גלײַך אין גאַניידן, און דאָרט וועל איך זיך טרעפֿן מיט דײַן אַלטיטשקער. וועל איך איר דערציילן, וואָס פֿאַר אַ גוטער מענטש דו ביסט. דו טײַנע בעסער ניט. איך נעם בא דיר, מעגלעך, דעם לעצטן מאָל...

געקומענ אינ שפּײַכלער, האָט מאַמאַטשקינ געטראָפֿנ טראַפּקי־נענ זיצנדיק באַ דער אַלטער דרעש־מאַשינ מיט אַ בלײַשטיפֿט אינ האַנט. דער לייטענאַנט האָט זיכ געקליבנ שרײַבנ אַ בריוו דער מוטער אונ דער שוועסטער. מאַמאַטשקינ איז מיטאַמאָל בלאַס געוואָרנ אונ איז שטיל צוגעגאַנגענ צומ לייטענאַנט. אינ מאַמאַטשקינס אויגנ האָט געפֿלאַטערט אַנ אומגעווײנלעכע פֿאַרלאָרנקײַט. טראַפּקינ האָט מיט בידעש אַ קוק געטאָנ אָפּ אימ.

— כאַווער לייטענאַנט, — האָט מאַמאַטשקינ געזאָגט, — וואָס הערט זיכ מיקוייעכ דער ראַציע? עס וועט זײַנ מיט אונדז אַ ראַציע?

— ס'וועט זײַנ. בראַזשניקאָוו איז אַוועק נאָכ איר.

— אונ אַ ראַדיסט?

— נײנ. כ'וועל אַלײנ איבערגעבנ די ראַדיאָגראַמעס.

— אַהאַ...

ס'איז קלאָר געווענ, אַז מאַמאַטשקינ האָט מער ניט וועגנ וואָס צו רעדנ מיטנ לייטענאַנט. ער איז אָבער געבליבנ שטײנ.

— כאַווער לייטענאַנט, — האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָנ, — איר זײַט אַ באַלנ אָפּ כאַזער־וואָרשט?

ער האָט געמיינט, אַז טראַפּקינ וועט אימ אָנהייבנ זידלענ: ווי־שלעפּסטו דאָס אַלץ, באַ וועמענ?.. אָבער טראַפּקינ האָט זיכ נאָר אָפּגעזאָגט, ווי אַ מענטש, וואָס דאָס ליגט אימ איצט ניט אינ קאָפּ, אונ גענומענ זיכ שרײַבנ דעמ בריוו. דאַנ האָט זיכ מאַמאַטשקינ אַנט־שלאָסנ. מיט אַ ציטערדיק קאָל האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָנ:

— כאַווער לייטענאַנט, שרײַבט ניט דעמ בריוו.

טראַפּקינ האָט פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט:

— וואָס איז מיט דיר?

מאַמאַטשקינ האָט אינ אײנ אָטעמ געענטפֿערט:

— אָט אַזוי פּונקט, אָפּ דער דרעש־מאַשינ האָט מאַרטשענקאָ

געשריבן פארן אוועקגיין. עס איז א שלעכטער סימען. בא אונדז אפן יאַם גלייבן די פישערס אין גוטע און שלעכטע סימאָנים... מײַנ ערנוואָרט...

טראַפּקין האָט איראָניש, אָבער מילד געזאָגט:

— באָבע־מײַסעס...

ווען מאַמאָטשקין איז אָפּגעטראָטן, האָט טראַפּקין זיך ווידער גענומען פאַרן בלײַשטיפט. נאָר דאָ איז זײַן בליק געפאַלן אפ א קופּע שטרוי באַם אַרײַנגאַנג. צוקאָפּנס פון דעם דאָזיקן מיליטערישן געלעגער — ניט קיין גרויסער אָפּגעבליאַקעוועטער רוקזאַק. דאָס איז געווען מאַרטשענקאָס בעט.

טראַפּקין האָט דעם בריוו טאַקע ניט פאַרענדיקט. עס איז געקומען בראַזשניקאָוו און געבראַכט צו טראָגן א קליינינקע ראַציע. צוזאַמען מיט אים זײַנען אַרײַן דער שעף פון דער פאַרבינדונג מאַיאָר ליכאַטשאָוו, קאַטיע מיט נאָך צוויי ראַדיסטן. ליכאַטשאָוו האָט נאָך־אַמאָל דערקלערט טראַפּקינען, וויאַזוי מע דאַרף זיך באַנוצן מיט דער פאַרקאָדירטער מאַפּע און מיט דער טאַבעלע.

— זע, טראַפּקין, דעם סוינעס טאַנקען ווערן באַצייכנט מיט דער ציפער 49, און די מאַפּע איז צעטיילט אפ קוואַדראַטן. יעדער קוואַדראַט האָט זײַן אייגענעם נאָמען. אָט, צום בײַשפּיל, דאַרף מען מיטיילן, אַז אין דעם און דעם ראַיאָן געפינען זיך טאַנקען. גיסטו איבער: 49 קוואַדראַט „אָקס" 4, אויב אינפאַנטעריע — הייסט עס: 21 אָקס 4 און אַזוי ווײַטער.

זיי האָבן דורכגעפּרוּווט די לעצטע איבונגען. עס איז ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן דער ראַדיאָ־פּאַראָל פון דער אויסשפּיר־גרופּע — „שטערן", דער ראַדיאָ־פּאַראָל פון דער דיוויזיע — „ערד".

אין דער שטילקייט פון שפּײַכלער האָבן זיך געלאָזט הערן מאָדנע געהיימניספולע ווערטער.

די אויסשפּירער זײַנענ געשטאַנענ שווײַגנדיק אַרומ ליכאַטשאָוונ אונ טראַפּקינענ אונ מיט צאַפּל צוגעהערט זיכ צו אָט דעמ געשפּרעכ:

— „ערד”, „ערד”! הער דעמ „שטערנ”. ס'רעדט דער „שטערנ”. 21 טיגער 3, 21 טיגער 3. אופנעמ.

אונ ליכאַטשאָוו האָט אויכ מיט גרויס אופרעגונג, מיט א נידעריק קאָל, ווי פונ יענער וועלט, געענטפערט:

— „שטערנ”, „שטערנ”, די „ערד” באמ אַפּאַראַט. כ'האָב ריכ־טיק פאַרשטאַנענ? איכ כאַזער איבער: 21 טיגער 3. אופנעמ.

— „ערד”. באמ אַפּאַראַט דער „שטערנ”. פאַרשטאַנענ ריכטיק. ווײַטער. 49 לעמפּערט 4...

אונטערנ טונקעלנ באַלקנ פונעמ שפּײַכלער האָט זיכ געלאָזט הערנ א געהיימניספולער צווישנפּלאַנעטישער געשפּרעכ, אונ די מענטשנ האָבנ זיכ געפילט ווי פאַרלאָרנ אינ וועלט־רוימ. בלויז די שוואַלבנ, וואָס האָבנ געבויט זייערע נעסטנ אונטערנ דאַכ פונעמ שפּײַכלער, האָבנ פריידיק געפלאַטערט מיט די פליגעלעכ, פירנדיק זייער זאָרגלאָזנ פאַמיליענ־געשפּרעכ.

צומ סאָפ האָט ליכאַטשאָוו פעסט א דריק געטאָנ טראַפּקינענ די האַנט אונ געפרעגט בא אימ:

— ווייסט, עפשער, פאָרט נעמענ מיט זיכ א ראַדיסט? בא מיר זײַנענ גוטע יאַטנ, זיי בעטנ זיכ אינ אויסשפּירונג. הײַנט האָב איכ אפילע באַקומענ, — האָט ער א שמייכל געטאָנ, — א שריפטלעכע ביטע פונ יונגערנ סערזשאַנט סימאַקאָווא. זי וויל גײנ מיט דיר.

טראַפּקינ האָט זיכ אָנגעכמורעט אונ א זאָג געטאָנ:

— וואָס רעדט איר, כאַווער מאַיאָר, איכ דאַרפ ניט קיינ ראַדיסט. מיר גייענ ניט אפ קיינ שפּאַציר.

דערהערט אזא באַלײַדיקנדיקנ אָפּזאָג אפ איר הייסער ביטע, איז קאַטיע אנ אופגערעגטע אַרויסגעלאָפנ פונ שפּײַכלער. „וואָס פאַר א

שלעכטער, גראָבער מענטש ער איז, — האָט זי אַן אופגעזאָרענע געטראַכט וועגן טראַפּקינען, — נאָר אַ נאַר קאָן ליב האָבן אַזאַ איינעם"...

גייענדיק פאַרביַי דעם בלינדאַזש פונעם קאַפּיטאַן בּאַראַשקין, האָט זי פאַרלאַנגזאַמט די טריט: „אַט וועל איך אַפּצולאָכעם אַריַינ־גיין צו אים".

זי האָט זיך מיטאַמאָל דערמאָנט באַראַשקינס זיסינקע רייד, זיַינע ציטערנדיק טענאָר־קאָל, זיַינע אַרומדרייענ זיך אַרום איר, די ביז גאָר געוויינלעכע ליבע־דערקלערונגען, וואָס זיַינען אָבער אַזוי אָנגענעם פאַר אַן איינזאַמע האַרץ. אַפילו זיַינע גראָבע העפט מיט די איבערגע־שריבענע לידלעך האָט זי איצט דערמאָנט מיט אַ וואַרעם געפיל.

אין אַט דעם מענטשנ איז אַלץ געווען אַזוי געוויינלעך, פּאַשעט און קלאָר, און אַט דאָס אַלץ, האָט זיך איר איצט געדוכט, איז דאָס, וואָס אַ מענטש באַדאַרף פאַר זיַין גליק.

זי איז אַריַין צו אים. באַראַשקין האָט זי באַגעגנט אַ ביסל איבער־ראַשט, נאָר מיט אַ צופרידענעם שמייכל. ער האָט אַ טראַכט געטאָן: טראַפּקין טייט אַוועק, וויל זי, דאָס כיטרע מיידעלע, כאַפּט אים, באַראַשקינען, האָבן אין רעזערוו. ער האָט אַרויסגענומען זיַינ העפט מיט די לידלעך פון קינאָ־פילמען און פאַרשיידענע ראָמאַנסן. קאַ־טיען האָט זיך אָבער ניט געזונגען. באַראַשקין האָט זיך געסטאַרעט פּאָטער ווערן פון דעם איבערזעצער לעווינ, וואָס איז געזעסן בא אים אין בלינדאַזש. אָבער ווען יענער איז אַוועק, און באַראַשקין האָט, זיס־לעך שמייכלענדיק, מיט ציטערדיקע הענט געוואָלט אַרומנעמען קאַ־טיען, האָט זי דערפילט אַן עקל, אָפּגעשטויסן אים פון זיך און איז אַרויסגעלאָפן פונעם בלינדאַזש אין ראַשנדיקן וואַלד. ניין, אַט דאָס „געוויינלעכע" איז שוין איר איצט פרעמד און העסלעך! אירע אויגן זיַינען געווען פול מיט טרערן.

טראפקינ איז צוזאמענ מיט מעשטשערסקינ אוועק צו בוגארקאָוו. אינ מיטנ וועג האָט מעשטשערסקי מיט פארדראָס א זאָג געטאָנ:

— טראפקינ, ווי איר ווילט זיכ, כ'וועל גיינ א רופ טאָנ קאטיענ. איר האָט ניט געזענ, איכ האָב אָבער געזענ. אונ עס פארדריסט מיכ בעפיירעש. זי איז אוועק זייער אנ אופגערעגטע. אכ, טראפקינ, אומזיסט אונ אומנישט האָט איר זי באליידיקט.

מעשטשערסקי איז געקומענ צו בוגארקאָוו אינ בלינדאזש, פירנדיק פאר דער האנט קאטיענ. זי האָט גלייכ באמערקט טראפקינס שולדיקנ בליק.

עס איז געווענ א זעלטענער אָוונט, פול מיט לויטערע האָפענונגענ פאר קאטיענ. פאר טראפקינענ האָט ער זיכ פארענדיקט מיט אנ אומדערוואַרטער פריידיקער געשעעניש.

דעמ לעבהאפטיקנ שמועס האָט איבערגעריסנ בראזשניקאָוו, וועלכער איז ארייַנגעלאָפנ אינ בלינדאזש.

מיט גרויס היספּעילעס האָט ער א זאָג געטאָנ:

— כאוועס ליטענאנט. מע רופט אייַכ. קומט גיכער. דאָרט וועט איר זענ.

ארומ שפּייַכלער איז געווענ א פריידיקער געפילדער. די אויטשפּירער האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ צו טראפקינענ:

— זעט, ווער ס'איז געקומענ.

טראפקינ האָט זיכ אָפּגעשטעלט. ברייט שמייכלענדיק, פינקלענדיק מיט די קלוגיטשקע אייגעלעכ, איז צו אימ צוגעגאנגענ אניקאנאָוו. ניט אנטשליסנדיק זיכ ארומצונעמענ דעמ ליטענאנט, האָט ער צו אימ א שפאנ געטאָנ, מיטאמאָל געבליבנ שטיינ אונ געזאָגט:

— אָט, הייסט עס, כאוועס ליטענאנט, געקומענ צו פאָרנ.

אנ איבעראשטער, האָט טראפקינ געקוקט אפ אניקאנאָוו. ער האָט אימ גאָרנישט ניט געקענט זאָגנ. מיטאמאָל דערפילט א טיפע פארלייַכטערונג.

— וויאזוי זשע ביסטו געקומענ? — האָט טראפקינ געפרעגט. ווענ זיי האָבנ זיכ, ענדלעכ, געזעצט באמ טישל, — אפ שטענדיק אָדער פארבײַפאָרנדיק אינ אנ אנדער טייל?

אניקאנאָוו האָט געענטפערט:

— פאָרנ פאָר איכ אינ אנ אנדער טייל. איכ בינ אָבער אָפגעשטאנענ פונעמ צוג. לאָמיכ, טראכט איכ מיר, א קוק טאָנ אפ מײַנ ווזוואָד אונ אפ מײַנ לייטענאנט. א סאָלדאט פונ אונדזער דיוויזיע האָט מיר געזאָגט, אַז איר שטייט דאָ.

ער האָט א ווײַלע געשוויגנ, דערנאָכ, שמייכלענדיק, פארענדיקט:

— אונ וואָס ווײַטער וועט זײַנ, וועלנ מיר ווײַטער זענ.

אניקאנאָוונ האָט מענ דערלאנגט בראנפנ אונ צובײַסנ, אונ טראפקינ האָט מיט פארגעניגנ צוגעקוקט, ווי אניקאנאָוו עסט מיט אפעטיט, אָבער גיט זשעדנע, אונ דאנקט יעדעס מאָל, נאָכ יעדער געריכט, דאנקט אפנ פראָסטנ אונ הארציקנ דאָרפישנ נוסעכ.

אניקאנאָוו האָט דערציילט, וויאזוי נאָכנ פארענדיקנ דעמ פארזויי אינ דער באהילפיקער ווירטשאפט פונעמ פאָלק האָט ער זיכ גענומענ בעטנ אפנ פראָנט, אונ וויאזוי מע האָט א'מ ענדלעכ געשיקט מיט א מארשעווער ראָטע.

— הייסט עס, איר גייט צומ דײַטש אינ טיל? — האָט ער איבערגעפרעגט באמ לייטענאנט, — אונ ווער גייט מיט אײַכ?

— אָט דער יונגערער לייטענאנט מעשטשערסקי, מאמאָטשקינ, בראזשניקאָוו, ביקאָוו, סעמיאָנאָוו אונ גאָלוב.

— אונ מארטשענקאָ? מארטשענקאָ ווו איז?

ער האָט קיינ ענטפער ניט באקומענ אונ נאָר באגעגנט טרויעריקע בליקנ פונ די אויסשפירער. פאָרזיכטיק אָפגערוקט דעמ טעלער אונ פארייכערט א פאפיראָס, האָט ער געזאָגט:

— אזוי... א ליכטיקנ אָנדענק אימ.

טראַפּקין האָט א פרעג געטאָן בא אניקאַנאָוון:

— נו, און דו וואָס? וועסט זיך לאָזן מיט מיר אָדער אין דעם טייל, וווּהין דו פאָרסט?

אניקאַנאָוו האָט געענטפערט ניט מיטאַמאָל. ניט קוקנדיק אָפּ קיינעם, נאָר פילנדיק, אז אלע מענטשן, וואָס זיצן דאָ, וואַרטן מיט אָנשטרענגונג אָפּ זיין ענטפער, האָט ער געזאָגט:

— כ'רעכן גיין מיט אייך, כאָטש ער לייטענאַנט. ס'וועט אָבער אויסקומען אָנצושרייבן אין מיין טייל, אז דער סערזשאַנט אניקאַנאָוו איז, הייסט עס, ניט קיין דעזערטיר. ביכלאַל אָנשרייבן אלץ, וואָס מע דאַרף.

מאַמאָטשקין, וואָס איז ערשט מיט א מינוט צוריק אריין, האָט, שטייענדיק בא דער טיר פון שפּייכלער, זיך צוגעהערט צום געשפּרעך מיט אנציקונג און מיט קינע. אזוי האָט געקאָנט נאָר אניקאַנאָוו. דאָס איז געווען קלאָר. ס'האָט געלוינט אָפּצוגעבן דאָס לעבן פאַר דעם, כדיי צו זיין אין דעם מאַמענט אן אניקאַנאָוו!

אניקאַנאָוו האָט זיך ארומגעקוקט. ער האָט דערזען די פּלאַשטש־פּאַלאַטקעס אפן שטרוי, די גרינע מאַסקיר־כאַלאַטן, די הויפנס גראַנאַטן אין ווינקל, אווטאָמאַטן אפ די טשוועקלעך, מעסערס אפ די גאַרטלען פון די סאָלדאַטן און האָט א טראַכט געטאָן מיט א זיפץ פון א פילאָסאָף און לעבנס־קענער: „אָט זיינען מיר, הייסט עס, אין דער היים״.

טראַפּקין, א באַרויִקטער און דערמונטערטער, האָט פאַנאַנדערגע־וויקלט די מאַפּע, קעדיי דערקלערן אניקאַנאָוון דעם טאַך פון זייער אופגאַבע און דעם פּלאַן פון דער אָפּעראַציע. נאָר דאָ איז אריין א קוריער פון שטאַב און האָט איבערגעגעבן א באַפעל גיין צום קאָ־מאַנדיר פון דיוויזיע. טראַפּקין האָט איבערגעגעבן די מאַפּע מע־טשטשערסקין און אליין איז ער אוועק צום פּאָלקאָווניק.

אין שטיבל באַם קאָמדיוו איז געווען פינצטערלעך. דער פּאָלקאָוו־

ניק סערביטשענקאָ האָט זיכ געפילט ניט מיט אלעמענ, איז געלעגנ אפ א בעטל באמ פענצטער אונ האָט אויסגעהערט א באריכט פונעמ שטאב־שעפ.

— דו ביסט גאָר אינ לאפטיעס? — האָט ער קוידעמ געווענדט זײַנ אופמערקזאמקײַט אפ טראפקינס אומגעוויינלעכ שוכווארג.

— כ׳געווינ זיכ צו, כאווער פאָלקאָווניק. בא מיר האָט סע־מיאָנאָוו, א ריאזאנער, אָנגעפלאָכטנ לאפטיעס פאר מײַנ גאנצער גרו־פע. שפאנסט שטילינקערהייט אונ די פיס איז גרינג...

דער פאָלקאָווניק האָט באוויליקנדיק א מאכ געטאָנ מיטנ קאָפ אונ א קוק געטאָנ אפנ פאָדפאָלקאָווניק גאליעוו, ווי איינער זאָגט: זע אָקאָרשט, וואָס פארא קלוגע יאטנ אונדזערע אויסשפירער זײַנענ!

דער פאָלקאָווניק סערביטשענקאָ האָט שוינ פיל מאָל געשיקט מענטשנ אפ די געפערלעכסטע אָפעראציעס. נאָר הײַנט האָט ער דער־פילט צו טראפקינענ עפעס א באזונדער מיטלייד. ער האָט א טראכט געטאָנ וועגנ דעמ, אז דער פאָלקאָווניק סעמיאָרקינ איז געווענ גע־רעכט, נאָר פאר די ארמיי־שטאבנ איז דער אויסשפיר פאָשעט א שטאב־דינסט מיט סוואָדקעס, ראפאָרטנ, מאפעס, מיט אופגאבעס פונ גרויסנ מאסשטאב. פאר אימ אָבער, פאר סערביטשענקאָנ, האָט עפעס צו זאָגנ אויכ אָט דער מענטש אינ די לאפטיעס, אינ גרינעמ מאסקיר־כאלאט, א יונגער, א ניט־גענאָלטער, ענלעכ צו א שיינעמ וואלד־גײַסט.

אימ האָט זיכ אזוי געוואָלט זאָגנ טראפקינענ דאָס, וואָס טאטע־מאמע זאָגנ דעמ זונ, ווענ מע שיקט אימ אפ א געפערלעכנ העלדנ־טאט:

— היט זיכ, — וואָלט ער געזאָגט טראפקינענ, — געדענק, זײַ פאָרזיכטיק. די מילכאָמע וועט זיכ אינגיכנ ענדיקנ.

ער איז אָבער אליינ געווענ אמאָל אנ אויסשפירער אונ האָט אויסגעצייכנט געוווּסט, אז אזעלכע אָנזאָגענישנ ברענגענ ניט צו

קיינ גוטס. זיי קילנ אמאָל אָפּ די סאמע איבערגעגעבנסטע מענטשנ. באמ אויספילנ די אָפּעראציע קאָנענ מענטשנ א סאכ זאכנ פארגעסנ, נאָר אָט די ווערטער „היט זיכ", געזאָגטע פונ אנ עלטערנ קאָמאנדיר, פארגעסט דער מענטש קיינמאָל ניט, אונ דאָס קאָנ פירנ צו א דורכ־פאל.

דער פּאָלקאָווניק האָט א דריק געטאָנ טראָפּ־ינעג די האנט אונ גע־זאָגט אימ בלויז:

— דו זע אָקאָרשט...





# זיבעטער קאפיטל

I

אנגעטאָנ דעמ מאָסקיר־כאַלאט, פעסט פארזניפט אונ פארבונדנ אלע גארטלענ אונ שנירלעכ — אפ די לענדנ, אפנ האלדז, אפנ קאָפ, זאָגט זיכ אָפ דער אויסשפירער פונעמ לעבנס־הו־הא, פונעמ „האַ־וויל־האוואַלימ", פונ אלצ. דער אויסשפירער געהערט שוינ ניט זיכ אליינ, ניט זײַנע קאָמאנדירנ, ניט זײַנע דערינערונגענ. ער בינדט אָנ אפנ רימענ גראנאטעמ אונ א מעסער אונ לייגט אַרײַנ אינ בוזעמ א פיסטאָלעט. אזוי זאָגט ער זיכ אָפ פונ אלע זײַנע פארבינדונגענ, שטעלט זיכ אויסערנ געזעצ, פארלאָזנדיק זיכ פונ איצט אָנ בלויז אפ זיכ אליינ. ער גיט אָפ דעמ סטארשינא אלע זײַנע דאָקומענטנ, בריוו, פאָטאָגראפיעמ, אָרדענס אונ מעדאלנ, דעמ פארטאָרג — זײַנ פארטײַ־בילעט אָדער קאָמיוגישנ בילעט. אזוי זאָגט ער זיכ אָפ פונ זײַנ פארגאנגענהײַט אונ צוקונפט, פארבאָרגנדיק אונ היטנדיק דאָס אלצ נאָר אינ דער טיפסטער טיפ פונ הארצנ.

ער האָט ניט קיינ נאָמענ, ווי א וואלד־פויגל. ער וואָלט זיכ אויכ געקאָנט אָפזאָגנ פונ מענטשלעכנ לאָשנ, באנוגענע זיכ נאָר מיט

דער פויגל־שפראכ אפ צו געבנ סיגנאלנ די כאוויירימ. ער וואקסט
זיכ צונויפ מיט די פעלדער, וועלדער, טאָלנ. ער ווערט דער גײַסט
פונ אָט די ראכוועסנ, א גײַסט א געפערלעכער, א שטענדיק וואכער.
טיפ אינ זײַנ מויעכ טראָגט ער נאָר איינ געדאנק: זײַנ א ו פ ג א ב ע.

אָט אזוי הייבט זיכ אָנ די אוראלטע שפיל, אינ וועלכער עס נע־
מענ אָנטייל נאָר צווייענ: מענטש אונ טויט.

ארויסגעשיקט זײַנע מענטשנ פאָרויס, איז טראפקינ אינ דער
באגלייטונג פונ מעשטשערסקינ אונ בוגאָרקאָוונ אוועק צו דער פאָ־
דערשטער ליניע. מעשטשערסקי איז געווענ שטארק פארטרויערט.
דער פאָדפאָלקאָווניק גאליעוו האָט זיכ דערוווּסט, אז עס איז געקו־
מענ אניקאנאָוו אונ האָט נאָכ א ווײַלע טראכטנ באשלאָסנ, אז מע־
שטשערסקי זאָל ניט גיינ מיט טראפקינענ, נאָר בלײַבנ דאָ אלס טראפ־
קינס שטעלפארטרעטער.

זיי זײַנענ געגאנגענ שווײַגנדיק. טראפקינ איז פאר אָנ אָפערא־
ציע טאָמיד געווענ שווײַגנדיק. אָט די אויסערלעכע רו האָט אימ
געקאָסט ניט ווייניק מי. ער האָט אויסגעזענ קימאט ווי שלעפעריק,
דער אויסדרוק פונ פאָנעמ אזא, ווי איינער זאָגט: אלצ, וואָס מע
האָט געקאָנט טאָנ, איז אָפגעטאָנ, אונ איצט מעג עס גיינ, ווי עס גייט.

אינ טראנשיי האָט מענ שוינ אָפ אימ געווארט. דאָרט זײַנענ
געווענ קאפיטאנ מושטאקאָוו, קאפיטאנ גורעוויטש אונ די קאָמאנ־
דירנ פונ צוויי מינענווארפער־ראָטעס. אניקאנאָוו אונ די איבעריקע
אויסשפירער זײַנענ געזעסנ אָנ א זײַט אונ שטיל געשמועסט.

דער קאפיטאנ גורעוויטש האָט פארפינקטלעכט די צילנ:

— הייסט עס, איכ מאכ אָנ ארטאָנפלי אפנ ציל נומער 6, קעדיי
אָפצוזענ דעמ דײַטשס אויפמערקזאמקײַט. האָט אינ זינענ, טראפקינ, פאר־
קערעוועט ניט אפ לינקס, אניט קאָנט איר פונקט ארײַנפאלנ אונטער מײַ־
נע אופרײַסנ. גלײַכ נאָכ דעמ וועל איכ א קלאפ טאָנ צוזאמענ מיט די

מינענוואַרפֿערס אַפֿן ציל נומער 4. אין פֿאַל, אויב עס וועט זיך באַווײַזן אַ נײַער רויטע ראַקעטע, טו איך אַ זעץ איבער די צילן 2, 3, 4, 5 און 7 און דעק צו אַ נײַער צוריקטריט.

— די מינענוואַרפֿערס ווייסן זייער אויפֿגאַבע? — האָט געפֿרעגט טראַפּקין.

— יאָ, אַלץ אין אָרדענונג, — האָבן פֿאַרזיכערט די קאָמאַנדירן.

— עס זײַנען אויך גרייט מײַנע קוילנוואַרפֿער אויף יעדן פֿאַל, — האָט באַמערקט מושטאַקאָוו.

אַלע זײַנען געווען זייער אָנגעשטרענגט. מעשטשערסקי, פֿאַר וועלכן דאָס אַלץ איז געווען פֿאַרכאַפּנדיק־נײַ, האָט צונויפֿגעדריקט די הענט ביז ווייטיק.

טראַפּקין האָט זיך אַדורכגערוקט הינטערן ברוסטווער און צוגע־הערט צו דער דינטשישער פֿאָדערשטער ליניע. ערגעץ דאָרט ווײַט האָט אַ פֿאַטעפֿאָן געשפּילט אַ פֿאָקסטראָט. פֿון לינקס האָבן זיך אַלע ווײַלע געהויבן צום הימל ווײַסע באַלײַכטונג־ראַקעטעס.

טראַפּקין האָט אַ שפּרונג געטאָן צוריק אין דער טראַנשיי און גע־וועגדט זיך צו זײַנע אויסשפּירער און סאַפּיאָרן:

— הערט אויס דעם שלאַכט־באַפֿעל:

די אויסשפּירער זײַנען אויפֿגעשטאַנען פֿון זייערע ערטער.

— דעם דאָזיקן באַצירק באַשיצט דעם קעגנערס 131־טע אינפֿאַנ־טעריע־דיוויזיע. לויט ידיעות, וואָס מיר האָבן, קומט פֿאָר אין זײַן הינטערלאַנד אַן איבערגרופּירונג. דער קאָמאַנדיר פֿון דער דיוויזיע האָט באַפֿוילן דורכצופֿירן אַן אויסשפּירונג אין דעם קעגנערס הינ־טערלאַנד, דערגיין דעם כאַראַקטער פֿון אָט דער איבערגרופּירונג, די גרייס פֿון די רעזערוון, פֿעסטשטעלן, צי האָט ער טאַנקען, און מיט־טיילן וועגן דעם אונטערער קאָמאַנדשאַפֿט דורך ראַדיאָ.

טראַפּקין האָט דערקלערט די אויסשפּירער די אָרדענונג פֿון זייער

באוועגונג, האָט זיי אויך מיטגעטיילט, אַז אַניקאַנאָוו האָט ער באַשטימט פאַר זײַן פאַרטרעטער.

דערנאָך האָט ער אַ מאָל געטאָן מיטן קאָפּ צו די אָפיצערן, וואָס זײַנען געבליבן אין דער טראַנשיי, אַריבערגעקראָכן איבערן ברוסטווער און פּאַוואָליע געלאָזט זיך צום ברעג טײַך. נאָך אים האָבן דאָס זעלבע, איינער נאָך אַנדערן, דורכגעמאַכט בראַזשניקאָוו, מאַמאַטשקין, גאָלוב, סעמיאָנאָוו, ביקאָוו און דרײַ סאַפּיאָרן, וועלכע זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן אָפּ צו באַגלייטן די גרופּע. צולעצט איז פאַרשוווּנדן אַניקאַנאָוו.

די מענטשן, וואָס זײַנען געבליבן אין דער טראַנשיי, זײַנען אַ פּאָר מינוט געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָט גורעוויטש מיטאַמאָל זיך גראָב אויסגעזידלט און געהייסן זיך דערלאַנגען אַ גלאָז בראַנפן. ער האָט אויסגעטרונקען דאָס בראַנפן און מיט עקל אַ שפּײַ געטאָן. גורעוויטש האָט זיך קיינמאָל ניט געזידלט און קיינמאָל ניט געטרונקען קיין בראַנפן. מושטאַקאָוו האָט זיך פאַרכידעשט, אָבער גאָרנישט געזאָגט.

טראַפּקין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין די נידעריקע קוסטעס באַם סאַמע ברעג. די אויסשפּירער האָבן געוואַרט, אָבער טראַפּקין האָט זיך עפּעס פאַרהאַלטן. אַזוי זײַנען זיי געשטאַנען אַ מינוט דרײַ. פּלוצעם האָט אַ דײַטשישע ווײַסע ראַקעטע זיך אײַנגעשניטן אין דער כאַשכעס און צעשאָטן זיך אויף פּיצ־פּיצלעך, באַלײַכטנדיק דאָס טײַכל מיט אַ מילך־ווײַסער ליכט, באַלד נאָכדעם איז זי אויסגעלאָשן געוואָרן. דערום, אָפּאָנעם, האָט טראַפּקין געוואַרט. ער איז אַרײַן אין טונקעלן קאַלטן וואַסער פון טײַך. נאָך אים — די איבעריקע. שנעל דורכגעגאַנגען דעם טײַך, האָבן זיי זיך אין שאָטן פון זײַן מײַרעווודיקן ברעג ווידער אָפּגעשטעלט און איבערגעוואַרט דעם אויפלויכט פון דער פאָלגנדיקער ראַקעטע. דערנאָך האָט טראַפּקין געלאָזט גיין פאָרויס די סאַפּיאָרן און אַליין מיט די אויסשפּירער אוועק נאָך זיי.

אריבער די קאנאווע, וועלכע איז געווענ א סאב גרעסער, זוי עם האָט זיכ אויסגעדוכט פונדערווײַטנס, האָבנ זיכ די סאפּיאָרנ אָפּגע־שטעלט. דאָ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די מינענ־פעלדער.

טאפּנדיק די ערד מיט די לאנגע שטעקנס אונ צוהערנדיק זיכ צומ מינענ־זוכער, וואָס איז געהאנגענ אפנ ברוסט בא אײנעמ פונ זיי, זײַנענ די סאפּיאָרנ פּאוואָליע געגאנגענ פאָרויס.

עס האָט ווידער א פינקל געטאָנ א ראקעטע. אנ אינסטינקטיווער פּאכעד האָט צוגעדריקט די אויסשפּירער צו דער ערד. זיי זײַנענ געלעגנ אפּ א הויכנ גלײַכנ אָרט, אונ עס האָט זיכ זיי געדוכט, אז די גאנצע וועלט זעט זיי אינ אָט דער שרעקלעכער טויטער שײַנ פונ דער ראקעטע. נאָר די ראקעטע האָט זיכ אויסגעלאָשנ אונ אומעטומ האָט געהערשט א שטילקײַט.

די סאפּיאָרנ האָבנ פאָרזיכטיק געארבעט אינ דער פינצטערניש, אָפּגעשרויפט די אופּרײַסערס פונ עטלעכע מינעס. א מעכטיקע קוילנ־וואַרפער־ריי פונ טראסירנדיקע קוילנ האָט זיכ דורכגעטראָגנ איבער די קעפּ אונ אוועקגעיאָגט אינ דער ווײַט. די אויסשפּירער זײַנענ געבליבנ פארגליווערטע. אנ אנדער קוילנוואַרפער־ריי האָט זיכ דורכ־געטראָגנ לינקס פונ זיי. פונ אונדזערע פּאָזיציעס האָט אויכ א קלאַפּ געטאָנ א „מאקסימ“, אונ זײַנע קוילנ, דער לעצטער גרוס פונ די איי־גענע, האָבנ זיכ דורכגעשלײַכט ערגעץ אינ דער נאָענט.

דער פאָדערשטער סאפּיאָר האָט דערזענ אינ דער פינצטער א דראָט־פארצוימונג אונ האָט זיכ א קער געטאָנ צו טראפּקינענ, וואָס האָט געפּויזעט נאָכ אימ. טראפּקינ האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ. די סאפּיאָרנ האָבנ אָנגעהויבנ מיט גרויסע שערנ איבערשנײַדנ די דראָט־פארצוימונגענ. אונ דאָ האָט מיטאמאָל זיכ ווידער אָנגעצונדנ א ראַ־קעטע אונ גלײַכ נאָכ איר האָט זיכ דורכגעטראָגנ א נײַע כוואליע טראסירנדיקע קוילנ.

אינ שײַנ פונ דער ראקעטע האָט טראפּקינ באוויזנ צו באמערקנ

דעמ דײַטשישנ ברוסטווער, עפּעס קלעצער, אָנגעשלײַדערטע דאָ נאָענט, דעמ וואלד־ראנד הינטער דער צווייטער טראנשיי אונ דרײַ ארומגעפליקטע ביימער — זײַנ געוויינלעכער אָריענטיר ביימ די באָבאכטונגענ. ער איז אוועק, האָט זיכ ארויסגעוויזנ, א ביסל צופיל אפּ רעכטס. דער קאָמפּאס האָט אינ דער פינצטער מיט גרינעמ פאָספאָר באוויזנ דעמ אזימוט.

ארומ איז געלעגנ נאכטיקע שטילקײַט. ער האָט אָבער געוווּסט, ווי פארפירעריש זי איז אונ וויפל אויגנ פאָלגנ, מעגלעכ, נאָכ נאָכ אימ אינ אָט דער באשכעמ. ער האָט אפילע לײַכט א ציטער געטאָנ, ווענ דער סאפּיאָר האָט זיכ צוגערירט צו זײַנ אקסל. אהא, דעמ דראָט איבערגעשניטנ. די סאפּיאָרנ וועלנ פארבלײַבנ דאָ, קעדיי אָפּהיטנ דעמ דורכגאנג. טאָמער וועט טראפּקינענ מיט זײַנע מענטשנ אויסקומענ אָפּצוטרעטנ. אויב אלצ וועט זײַנ קעשורע, קאָנענ זיי אינ א האלבער שאָ ארומ פויזענ אהיימ.

איינער פונ זיי האָט פעסט א דריק געטאָנ טראפּקינס האנט. מיט אויגנ, וואָס זײַנענ שוינ געוווינט געוואָרנ צו דער פינצטערניש, האָט טראפּקינ אופמערקזאמ א קוק געטאָנ אפּ אימ, דערזענ גרויסע וואָנצעס אונ שווארצע גוטע אויגנ. „מעדזשידאָוו, — האָט דערקענט טראפּקינ, — דער בעסטער סאפּיאָר פונ דער דיוויזיע. בונאַרקאָוו האָט ניט געקארגט".

די אויסשפּירער האָבנ דורכגעפויזעט דורכ דעמ איבערגעשניטענעמ דראָט קימאט ביזנ דײַטשישנ ברוסטווער אונ זײַנענ מיטאמאָל געבליבנ ליגנ, ווי געליימטע. לינקס האָט די ערד א ציטער געטאָנ פונ פלוצעמדיקע אופרײַסנ. אינ א רעגע ארומ האָבנ זיכ די אופרײַסנ איבערגעכאזערט רעכטס. „דאָס גיט גורעוויטש פײַער" — האָט טראפּקינ א טראכט געטאָנ.

לינקס האָט ער דערהערט א דײַטשישע שטימ. אניקאנאָוו אונ בראזשניקאָוו זײַנענ שוינ געוועזנ אינ דער טראנשיי. די רייד האָבנ

זיכ געהערט אלצ דײַטלעכער אונ נעענטער. טראפקינ האָט אײַנגע־
האלטנ דעמ אָטעמ. צוויי דײַטשנ זײַנענ געגאנגענ גאָר נאָענט
איבערנ פארבינדונגס־גראָבנ. איינער פונ זיי האָט עפעס געגעסנ. עס
האָט זיכ געהערט זײַנ טשאוועקענ. זיי האָבנ א קער געטאָנ אינ א צוויי־
טער זײַט. איבערנ ברוסטווער האָט זיכ באוויזנ אניקאנאָוו. ער האָט
געהאָלפנ טראפקינענ אראָפשפרינגענ. אלע זיבנ זײַנענ זיי, איינער
לעבנ אנדערנ, געשטאנענ אינ דער דײַטשישער טראנשיי.

טראפקינ האָט זיכ צוגעהערט, דערנאָכ האָט ער זיכ געלאָזט גיינ
דורכנ דורכגאנג, פונוואנענ עס זײַנענ נאָרוואָס ארויס די צוויי
דײַטשנ. דער דורכגאנג האָט זיכ צעצווײַגט. דאָ האָט טראפקינ מיט־
אמאָל דערפילט אפנ אקסל אניקאנאָווס וואָרעמענדיקע האנט. פאזע
דעמ ברוסטווער איז געגאנגענ א דײַטש. די אויסשפירער האָבנ זיכ
צוגעטוליעט צומ וואנטל פונ דער טראנשיי. דער דײַטש איז פאר־
שווונדנ אינ דער פינצטערניש. דערווײַל איז אלצ געגאנגענ קעשורע.
אבי דערקלײַבנ זיכ ביזנ וואלד. טראפקינ איז ארויסגעקראָכנ פונ
דורכגאנג אונ זיכ גענומענ ארומקוקנ. ער האָט דערקענט די טונקעלע
קאָנטורנ פונעמ וואלד־וועכטערס שטיבל, וועלכנ ער האָט אָפט באָאָב־
אכטעט אינ דער סטערעאָ־טרויב. דאָ באמ שטיבל איז געווענ א
דײַטשישער קוילנוואָרפער־דזאָט. פונ דאָרט האָבנ זיכ געלאָזט הערנ
שטימענ פונ דײַטשנ, וועלכע האָבנ זיכ וועגנ עפעס שטארק געאמ־
פערט. דאָ גלײַכ דארפ זײַנ א וועג אינ וואלד ארײַנ. לינקס פונ וועג —
א בערגל מיט די צוויי סאָסנע־ביימער, אונ לינקס פונ בערגל —
א בלאָטיק אָרט. דורכ אָט דעמ זומפ דארפ מענ דורכגיינ.

אינ א שאָ ארומ זײַנענ שוינ די אויסשפירער געווענ אינ וואלד.

*

מעשטשערסקי מיט בוגאַרקאָוון זײַנען געשטאַנען אין דער טראַנשיי און האָבן אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעקוקט אין דער נאַכט אַרײַן. אַלע ווײַלע זײַנען צו זיי צוגעגאַנגען אָדער מושטאַקאָוו אָדער גורעוויטש און שטיל געפֿרעגט:

— נו, ווי?

ניין, די רויטע ראַקעטע, דער סיגנאַל: „מע האָט אונדז באַמערקט, מיר טרעטן אָפּ" — האָט זיך ניט באַוויזן. א מאָל דרײַ האָבן א שטעפּ געטאָן די דײַטשישע קוילנוואַרפֿערס, נאָר דאָס איז, ווײַזט אויס, געווען די געוויינלעכע סטאַמדשיסערײַ, פֿאַשעט קעדייל אָזן פֿון זיך הערן. מעשטשערסקי, בוגאַרקאָוו, ביידע קאַפּיטאַנען און די סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געווען אין דער טראַנשיי אַפּ דער וואַך, האָבן זיך אײַנגעקוקט אין טײַך, אין זײַן הויכן מײַרעוודיקן ברעג, אין טשערעט, אין די קוסטעס, אין דער דײַטשישער דראָטפֿאַרצוימונג, אין דײַטשישן ברוסטווער. נאָר אַלץ ווי געווען. גאָרנישט איז ניט געווען צו מערקן.

— אָט דאָס איז א שטיקל אַרבעט! — האָט מיט היספּעלעס א זאָג געטאָן מושטאַקאָוו, — ווי די רובעס!

— כ׳מיין, זיי זײַנען שוין דורכגעגאַנגען, — האָט מיט פֿאַרלײַכטערונג אָפּגעזיפֿצט מעשטשערסקי און מיטאַמאָל דערפֿילט, אַז ער איז אינגאַנצן באַדעקט מיט שווייס.

דעם קאַפּיטאַן מושטאַקאָוו האָט דורכן טעלעפֿאָן אַרויסגערופֿן דער שטאַב פֿון פּאָלק. דער טעלעפֿאָניסט האָט געזאָגט:

— מיט אײַך וועט ריידן זעקסהונדערט.

פֿון דער נאַכטיקער ווײַט האָט זיך דערהערט דער אַלעמען באַקאַנטער געדיכטער באַס פֿונעם פּאָלקאָווניק סערביטשענקאָ:

— נו, ווי איז דאָרט בא טראַפּקינען?

— דאַכט זיך, אַלץ אין אָרדענונג, כאַווער זעקסהונדערט.

— הייסט עס, בא דיר איז שטיל?
— שטיל, כאָווער זעקסהונדערט.
— בונגאַרקאָווס מענטשנ האָבנ זיכ נאָכ ניט אומגעקערט?
— נאָכ ניט, כאָווער זעקסהונדערט.
דער קאָמדיוו האָט א רעגע געשוויגנ, דערנאָכ א זאָג געטאָנ:
— נו, גוט. גיי שלאָפנ, מושטשאַקאָוו.
— פאַראַנ גיינ שלאָפנ.
דערנאָכ, ווידער, נאָכ א געוויסנ שווייגנ:
— הייסט עס, דער דײַטש איז רויִק?
— רויִק.
— ראַקעטעס?
— יאָ. נאָר ניט זייער אָפט.
— שיסט א ביסל?
— צײַטנווײַז.
— נאָר ניט אזוי, אז...
— ניינ, ניינ, כאָווער זעקסהונדערט. נאָרמאַל, ווי שטענדיק.
אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָנ־טרײַבל, האָט מושטשאַקאָוו געזאָגט:
— דער אלטער באַומרויִקט זיכ.





# אכטער קאפיטל

עס איז געווענ א קאלטער נעפלדיקער פארטאָג, פול מיט פייגל-צוויטשערײַ.

קאפויר צו די יעדיעס, וואס זײַנענ געווענ אינ דער דיוויזיע, איז דער וואלד פול געווענ מיט דײַטשנ. אפ שריט און טריט — גרויסע לאסט-מאשינעס און נאָכ גרעסערע אווטאָבוסנ, שווערע וועגענער מיט הויכע באָרטנ. און אומעטומ — שלאפנדיקע דײַטשנ.

איבער די וואלד-שטעגנ זײַנענ ארומגעגאנגענ הינ און צוריק פאָר-ווײַז דײַטשישע וואכלײַט און האָבנ געגראגערט צווישנ זיכ. די אײַנ-ציקע שוצ פאר די אויסשפירער איז געווענ די שטאָק-פינצטערע נאכט. נאָר אויכ זי האָט געקענט פאראטנ יעטווידער רעגע. אלע ווײַלע פלעגנ זיכ ארײַנרײַסנ אינ דער פינצטערניש אָט אנ אָנגעצונדנ שוועבעלע, אָט די שטעכיקע שײַנ פונ א קעשענע-לאמטערנדל. טראפקינ און גלײַכ נאָכ אימ די איבעריקע פלעגנ זיכ צודריקנ צו דער

ערד, וואָס האָט מאַמעש געברענט אונטער זייערע פיס. אַ שאָ אַנדער האַלבן איז אויסגעקומען צו טוליען זיך צו אַנגעוואַלגערטע ביימער די סאָסנע־נאָדלען האָבן געשטאָכן דאָס לײַב. עפּעס אַ באַרוועסער דײַטש איז צוגעגאַנגען האַרט צו טראַפּקינען. דאָס ליכט פון זײַן קע־שענע־לאַמטערנדל איז קימאַט געפאַלן אַף טראַפּקינס פּאָנעם. נאָר דער פאַרשלאָפענער דײַטש האָט גאָרנישט ניט באַמערקט. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט, געקרעכצט, געשפּיגן און געשאָלטן זיך סטאַם אין דער וועלט אַרײַן.

מאַמאָטשקין האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן מעסער. טראַפּקין האָט ניט דערזען, נאָר דערפילט מאַמאָטשקינס בליץ־שנעלע באַוועגונג און האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. דער דײַטש, וואָס האָט זיך געהאַט אָראָפּגעלאָזט האַרט נעבן טראַפּקינען, האָט, אַוועקגייענדיק, באַלויכטן מיטן לאַמטערנדל אַ שטיקל וואַלד, און טראַפּקין האָט באַ־וויזן אויסקלײַבן צווישן די ביימער אַ וועג, ווו דײַטשן איז, דאַכט זיך, געווען ווינציקער.

מע דאַרף וואָס שנעלער אַרויסקלײַבן זיך פון אָט דעם וואַלד.

אַ קילאָמעטער אַנדערהאַלבן האָבן זיי געפּויזעט שיר ניט איבער שלאָפנדיקע דײַטשן. דערבײַ האָט זיך באַ זיי אויסגעאַרבעט אַ באַ־שטימטע טאַקטיק. ווי נאָר זיי פלעגן באַמערקן אַ פּאַטרול אָדער סטאַם אַ דײַטשישן סאָלדאַט, פלעגן זיי זיך גלײַך אַ ליג טאָן אַף דער ערד. צוויי מאָל האָט מען זיי אַפילע באַלויכטן מיט אַ לאַמטערן, נאָר, ווי טראַפּקין איז זיך מעשאַער געווען, האָבן די דײַטשן זיי אָנ־גענומען פאַר אייגענע. אָט אַזוי האָבן זיי געפּויזעט און געפּויזעט, ביז זיי האָבן זיך, ענדלעך, אַרויסגעקליבן פון וואַלד. אַפן וואַלד־ראַנד האָט זיי שוין געטראָפן אָט דער נעפּלדיקער פאַרטאָג.

דאָ האָט פּאַסירט עטוואָס שרעקלעכס. זיי האָבן זיך בוכשטעבלעך אָנגעשטויסן אַף דרײַ דײַטשן, אַף דרײַ וואַכע דײַטשן. די דרײַ זײַנען געלעגן אַף אַ לאַסט־מאַשין, אײַנגעגנורעט זיך אין קאָלדרעס

און גאַנץ געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך. איינער פֿון זיי האָט צופֿעליק געוואָרפֿן אַ בליק אַפֿן נאָענטן וואַלד־ראַנד און איז געבליבן ליגן ווי געליימט. איבערן שטעג, אַבסאָליוט אָן שום רויש, אָן שום שאָרך אַפֿילו, זײַנען אין איין שורע געגאַנגען, גיין, ניט געגאַנגען, נאָר געשוועבט, זיבן מעשונעדיק געקליידטע באַשעפֿענישן, ניט קיין מענטשן, נאָר זיבן שאָטנס אין גרינע באַלאַכאָנעס, מיט שרעקלעך בלאַסע, קימאַט גרינע פּענעמער. צי דער מערקווירדיקער אויסזען פֿון אָט די גרינע שאָטנס צי די אומקלאָרע קאָנטורן פֿון זייערע פֿיגורן אין דעם פֿאַרטאָגיקן נעפּל, — ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, נאָר דער דײַטש האָט באַשלאָסן, אַז דאָס זײַנען באַשעפֿענישן ניט פֿון דער וועלט. עס איז אים לעבאַטכילע אַפֿילו ניט אײַנגעפֿאַלן אַ טראַכט צו טאָן, אַז עפּשער זײַנען עס רוסן; ער האָט די זעונג ניט פֿאַרבונדן מיטן געדאַנק וועגן דעם קעגנער.

— גרינע שאָטנס! — האָט ער דערשראָקן אַ מורמל געטאָן.

וועגן טראַפּקין אָדער עמעצער פֿון זײַנע מענטשן וואָלטן אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן סימען פֿון שרעק, דעם קלענסטן פּרוּוו אָנצופֿאַלן אָדער באַשיצן זיך, וואָלטן די דײַטשן, וואַרשײַנלעך, געמאַכט אַ ליאַרעם, און אָט דער נעפּלדיקער וואַלד־ראַנד וואָלט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרענע פֿון אַ קורצן און בלוטיקן געראַנגל, ווו אַלע שאַנסן וואָלטן געווען בײַ די פּילצאָליקע סאָנים אין די הענט. געראַטעוועט האָט טראַפּקינען זײַן קאַלטבלוטיקײַט. ער האָט אין איין רעגע באַגריפֿן, אַז קאָלזמאַן עס האָבן זיי באַמערקט בלויז דרײַ דײַטשן, האָט פֿאַר זיי קיין שום זין ניט צו קריכן אין געשלעג. וועלן זיי צוקומען צום נאָענטסטן וועלדל, ווו קיין דײַטשן זײַנען עפּשער ניטאָ, האָבן זיי אַ שאַנס צו ראַטעווען זיך, אויב אַפֿילו אָט די דרײַ וועלן אופֿהייבן אַ פֿאַרשפּעטיקטן אַליאַרעם. לויפֿן האָט ער אויך ניט געוואַגט. ער האָט גיכער מיטן אינסטינקט, איידער מיטן שׂכל, פֿאַרשטאַנען, אַז לויפֿן איז דאָ ניט שײַך, ווי עס איז ניט שײַ־

עב צו לויפן פון א הונט. ער וועט גלײַך פארשטיין, אז מע האט זיך דערשראקן פאר אים, און וועט אנהייבן בילן נאך שטארקער.

די אויסשפירער זײַנען דורכגעגאנגען מיט א שטילן, ניט־געאײַלטן טראט. אין וועלדל האט טראפקין פיבערהאפט זיך ארומגעקוקט און גענומען לויפן. שנעל זײַנען זיי דורכגעלאפן דאס וועלדל, ארויס אפ א לאנקע, איבערשרעקנדיק די זומפ־פייגל, און זײַנען ארײַן אין א צווייט וועלדל. דא האבן זיי פרײַער אפגעעטעמט. אניקאנאוו האט שנעל דורכגעשפרײַזט דאס וועלדל און פעסטגעשטעלט, אז קיין דײַטשן זעט מען דא ניט. אויסגעמאטערטע, האבן זיי זיך אוועק־געזעצט אפן גראז, פארייבערט, און טראפקין האט צום ערשטן מאל זינט נעכטיקן אוונט געעפנט דאס מויל.

— שיר ניט ארײַנגעפאלן.

און האט א שמייכל געטאן. עס איז אים שווער געווען רײדן. די צונג אין מויל האט זיך ניט גערירט. פאר אט דער נאכט האט ער זיך, דאכט זיך, אפגעוווינט ריידן.

זיי האבן געהאט דאס פארגעניגן צו זען, ווי א מאן צען דײַטשן נישטערן אין דעם וועלדל, וואס זיי, די אויסשפירער, האבן אזוי שנעל פארלאזן. אט זײַנען די דײַטשן ארויס אפן מײַרעוודיקן וואלד־ראנד. א היפשע ווײַלע באטראכט די לאנקע, דורך וועלכער די אויס־שפירער זײַנען נארוואס דורכגעלאפן. דערנאך האבן זיי זיך גע־שטעלט אין א רעדל, גערעדט, געלאכט, — אפאנעם, פון יענע דרײַ, וועלכע עס האט זיך אויסגעדוכט, אז זיי האבן געזען „גרינע שאטנס", — פארייבערט און אוועק צוריק צו זיך.

די יונגע אויסשפירער, וואס זײַנען איצט, צום ערשטן מאל, ארויס אין אויסשפירונג — סעמיאנאוו און גאלוב — האבן מיט איראנישן בירעש געקוקט אפ די דײַטשן. צום ערשטן מאל זעען זיי דעם סוינע אזוי נאענט. טראפקין האט זיך די גאנצע צײַט צוגעקוקט, וויאזוי פירן זיך די יונגע. זיי האבן זיך געהאלטן גוט, געטאן דאס, וואס די

איבעריקע. סעמיאָנאָוו, כאָטש ער איז א יונגער אויסשפּירער, איז ער אָבער א דערפאַרענער סאָלדאט, צוויי מאָל פארוואונדעט, און אין דער מילכאָמע האָט זיך בא אים אויסגעארבעט די געוויינלעכע סאָלדאטישע קאלטבלוטיקייט. דער קליינינקער פלינקער גאָלוב, דאָס זיבעצניאָריקע יאטל פון קורסק, א זון פון א סאָוועטישן טוער, וואָס די דייטשן האָבן אופגעהאנגען, איז די גאנצע צייט געווען אין א געהויבענער שטימונג. אין זיין יונגער נעשאָמע האָט זיך פאריייניקט דער רעאלער האס צו די מערדער פון זיין פאָטער מיט די ראָמאנטישע שטרעבונגען פון א יונגל, וואָס האָט פאר די אויגן אלעמאָל די געשטאלטן פון זיינע באליבטע העלדן: געוואגטע קריגער, מוטיקע רייזנדער, דרייסטע געלערנטע.

מאמאָטשקין האָט אָפּגעשאצט טראפקינס אייזערנע אויסגעהאלטנקייט. ער האָט איצט צום ערשטן מאָל פאר די לעצטע טעג דערפילט א זיכערקייט אין דעם דערפאָלג פון דער געפערלעכער אָפּעראציע. ער האָט זיך דערמאָנט, וויאזוי קאטיע האָט אים נעכטן געבעטן אָפּהיטן דעם לייטענאנט. און ער, מאמאָטשקין, האָט זעלבסטצופרידן געשמייכלט און בארויקנדיק זי געקלאפּט איבער דער פּלייצע:

— זיי זיכער, קאטיושע, מיט מיר איז דיין לייטענאנט ווי אין מעלוכע־באנק.

„דאכט זיך, פארקערט, מיטן דאָזיקן לייטענאנט וועט מאמאָטשקין ניט פארפאלן ווערן" — האָט מאמאָטשקין זיך איצט מוידע געווען און האָט א קוק געטאָן אף טראפקינען מיט זיינע ווידער פרייליך געוואָרענע, ווידער עטוואָס פרעכע אויגן. ער האָט געגעבן יעדן איינעם א שטיקל וורשט, דערביי האָט ער טראפקינען געגעבן דעם בעסטןביילעק און אָנגעגאָסן אים פון סאָלדאטישן בוטל א קענדל סאמאָהאָן.

כאָטש טראפקין האָט זיך ענדגילטיק איבערצייגט, אז אין וועלדל זיינען קיין דייטשן ניטאָ, האָט ער פונדעסטוועגן ארויסגעשטעלט

א וואכ, אראָפּגענומענ פונ בראזשניקאָווס פּלייצע די ראציע אונ אי־בערגעגעבנ די ערשטע ראדיאָגראמע.

לאנג האָט ער זיכ ניט געקאָנט דערשלאָגנ קיינ ענטפער. אינ עפּיר האָט זיכ געהערט עפּעס א גערודער, אָפּגעריסענע ווערטער אונ מוזיק. בישביינעס מיט זײַנ ראדיאָ־כוואליע האָט ער זיכ אָנגעשטויסנ אָפּ א דײַטשישער סטאנציע. ער האָט אפילע א ציטער געטאָנ — אזא נאָענטע שבינעס פונ די כוואליעס, האָט זיכ אימ געדאכט, קאָנ אנטפּלעקנ דעמ דײַטש דעמ סאָד פונעמ „שטערנ".

סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער דערהערט ניט גאָר קיינ קלאָרע שטימ, וואָס האָט אָנ אופהער איבערגעכאזערט אלץ איינעמ אונ דעמ זעלבנ וואָרט:

— „שטערנ", „שטערנ", „שטערנ", „שטערנ".

אי טראפּקינ אי דער ווײַטער ראדיסט פונ דער „ערד" האָבנ זיכביידע שטארק דערפרייט איינער מיטנ צווייטנ.

— איכ גיב איבער, — האָט געזאָגט טראפּקינ, — 21 סאָווע 2, 21 סאָווע 2.

די ווײַטע „ערד" האָט א ווײַלע געשוויגנ, דערנאָכ מיטגעטיילט, אז זי האָט פארשטאנענ, גוט פארשטאנענ.

— א סאכ, זייער א סאכ 21, — האָט פאָרגעזעצט טראפּקינ, — נאָרוואָס אָנגעקומענע 21.

די „ערד" האָט אויכ דאָס פּארשטאנענ אונ ווי אנ עכאָ איבער־געכאזערט: „א סאכ, זייער א סאכ 21".

אלע זײַנענ פריילעכ געוואָרנ. דורכגייג אזא פאָדערשטע ליניע אונ דערנאָכ די וועלדער, וואָס זײַנענ אָנגעשפּיקעוועט מיט דײַטשנ, פארבינדנ זיכ דורכ ראדיאָ אונ איבערגעבנ אהיימ ווענג אָט די פריצנ — יאָ, אזוי לוינט צו לעבנ!

טראפּקינ האָט נאָכאמאָל אונ ווידעראמאָל ארײַנגעקוקט אינ די פּענעמער פונ די אויסשפּירער. דאָס איז שוינ געווענ ניט פּאָשעט א גרופּע, ווו ער איז קאָמאנדיר, דאָס זײַנענ איצט געווענ נאָענטע כאַ־

וויירימ. פונ יעדנ איינעמ פונ זיי איז אָפּהענגיק געווענ דאָס לעבנ פונ אַלע איבעריקע, אונ ער, דער קאָמאַנדיר, האָט געפילט זיי ניט ווי קיינ באַזונדערע קערפּערס, נאָר ווי אָרגאַנישע טיילנ פונ זיינ גופע.

ער האָט זיכ באַראַטנ מיט אַניקאַנאָווג אונ באַשלאָסנ לאָזנ זיכ ווייטער אינ וועג אַריינ — אַהינ, צו יענעמ דורכנ פּלאַנ פאָרויסגע-זעענעמ פּונקט, ווו עס קרייצנ זיכ די שאָסיי אונ אייזנבאַנ־וועגנ. עמעס, גיינ באַטאָג איז געפערלעכ, מע קענ זיכ אָבער לאָזנ דורכ זומפּנ אונ וועלדער, ווייטער פונ די דורכפאָר־וועגנ אונ דערפער. גע-וויינלעכ מיידנ די דייטשנ אוימ אַזעלכע ערטער.

נאָר ווענ די אויסשפּירער זיינענ אַרויס צומ מיירעוו־ראַנד פונ וואַלד, האָבנ זיי גלייכ דערזענ אַ דייטשישנ אָטריאַד, וואָס איז געגאַנ-גענ איבער אַ זומפּיקנ שטעג. די דייטשנ האָבנ געטראָגנ ניט קיינ טונקל־גרינע, נאָר שוואַרצע מונדירנ. באַמ אָפיצער, וואָס האָט גע-שפּאַנט פאָרויס, האָבנ גרויזאַמ געבל/יאַסקעט די פּענסנע.

— עסעסאָווצעס! — האָט אַ שעפּטשע געטאָנ אַניקאַנאָוו.

נאָכנ עסעסישנ אָטריאַד איז געפאָרנ אַנ אָבאָז פונ צוואַנציק שווער געלאָדענע וועגענער.

אינ נאָענטסטנ וואַלד האָבנ די אויסשפּירער באַמערקט פרישע שפּורנ פונ רויפּעס. פאַרזיכטיק האָבנ זיי זיכ גערוקט נאָכ די שפּורנ אונ זיינענ דערגאַנגענ ביז אַ וואַלד־לאָנקע. דאָרט זיינענ געשטאַנענ פאַרמאַסקירטע פּאַנצער־טראַנספּאָרטיאָרנ, צוואַנציק שטיק. דער פריי-שער שטויב אָפּ די רויפּעס האָט געוויזנ, אַז זיי זיינענ אַהער אָנגע-קומענ ניט לאַנג. דאָס איז אויכ קלאָר געווענ פונ דעמ, וויאַזוי די דייטשנ האָבנ זיכ אויפגעפירט: זיי זיינענ אַרומגעלאָפנ איבערנ וואַלד, געזונגענ ביימער, געהאַקט צווייגנ אָפּ הויצנ, געשטעלט ביידלעכ — מיט איינ וואָרט — געטאָנ דאָס, וואָס מע טוט אָפּ אַ ניי אָרט.

די אויסשפּירער האָבנ אָפּגעפּויזעט פונ דער געפערלעכער לאָנקע אונ גענומענ רעכטס, נאָר דאָ האָבנ זיי זיכ ווידער אָנגעשטויסנ אָפּ אַ

ווײַטשישן לאגער, פול מיט לאסט־מאשינעס, געלאָדענע מיט סנאַ־ריאַדן.

אין וואלד, אפן יונגן גרינעמ גראָז, האָבן זיך געוואלגערט פוסטע שאכטעלעך פון פאפיראָסן, פושקעס פון קאָנסערוון, שטיקלעך שמו־ציקע דײַטשישע צײַטונגען, געדרוקטע מיט גאָטישן שריפט, פוסטע פלעשער — שפורן פון א פרעמד, העסלעך לעבן. דער וואלד איז פול געווען מיט וועג־ווײַזער, מערסטנטייל מיט דער ציפער 5 און דעמ בוכשטאב W אפ זיי. אומעטומ האָט דאָ נעשמעקט מיט פריץ, מיט פאשיסט — א נימעסער און עקלדיקער חיעך.

מע האָט דאָך געמוזט אָפּוואַרטן, ביז ס'וועט פינצטער ווערן. ווײַטער גיין איז געווען אומעגלעך. ארומ און ארומ — פול מיט דײַטשן — גראַנגערנדיקע, שלאָפנדיקע, שפאַנענדיקע און פּאַרנדיקע — א קאָנצענטראַציע פון דײַטשיש מיליטער.

טראפקין און אלע אויסשפּירער האָבן פארשטאנען, אז דער דײַטש גרייט עפּעס, אויסבאהאלטנדיק דאָס פרישע מיליטער אין דער פינצ־טערניש פון די אוראלטע וועלדער. זיי האָבן איצט באזונדערס גוט דערפילט, ווי ווינציק ס'איז זייער אופגאבע און ווי גרויס ס'איז די פאראנטוואָרטלעכקײַט. ביז אין אָוונט האָבן זיי געכאפּט א דרעמל אין א וועלדל און דערנאָך זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג ארײַן.

אינגיכן זײַנען זיי געקומען אין א שיינער געגנט. צווישן בעריאָ־זע־וועלדלעך האָבן זיך דאָ געשפרייט אָזערעס — קליינע און גרויסע. ארומ האָט געהילכט דאָס קוואקען פון פרעש. אין א באלקע, בא־וואקסן מיט נוס־ביימער, ניט ווײַט פון אן אָזערע, האָט טראפקין בא־שלאָסן זיך אָפּשטעלן. אפן אנדערן ברעג אָזערע איז געשטאנען א גרויס צווייישטאָקיק געמויערט הויז. פון דאָרט האָט זיך געהערט, ווי דײַטשן ריידן. רעכטס פון הויז איז געווען א שמאָלער וועג, און ווײַטער, צווישן טעלעגראַפ־סלופּן — א שליאך. איבערן שליאך זײַ־נען נאָכאנאנד געגאנגען מאשינעס.

יאָ, עס האָט געלוינט דאָ א קוק טאָן אפן דײַטש. אמאָל פּלעגט אפּ א שאָ די באוועגונג איבערגעריסן ווערן, און נאָכדעם ווערן נאָך אינ־טענסיווער. די אווטאָמאַשינעס זײַנען געווען פול מיט דײַטשן און מיט געהיימניספולן פראכט, באהאלטן אונטער ברעזענט. צוויי מאָל זײַנען פארבײַגעפאָרן שווערע הארמאטן, 24 שטיק. טראפּקין האָט אָן אופהער נאָכגעשפּירט נאָך דעם דאָזיקן שטראָם. עטלעכע אויסשפּי־רער זײַנען געשלאָפן, און עטלעכע האָבן צוזאמען מיט אים געפירט רעם כעזשבן פון די פארבײַפאָרנדיקע דײַטשישע קאָלאָנעס.

— כאווער לייטענאנט, — איז מיטאמאָל ארויסגעשפּרונגען פון דער פינצטערניש מאמאָטשקין, — אָט דאָרט אפן שטעג רוקט זיך א דײַטשישער וואָגן בלויז מיט צוויי דײַטשן. און אין וואָגן איז אכילע. דערלויבט, וועלן מיר מיט זיי א סאָפּ מאכן אָן איין שאָס.

טראפּקין איז פאָרזיכטיק אוועק נאָך אים און, ווירקלעך, אָט איז דער וואָגן מיט די צוויי דײַטשן, וואָס רייבערן און שמועסן צווישן זיך גאנץ געמיטלעך. אינעם וואָגן האָט געקוויטשעט א כאזער. מע וואָלט בעפּיירעש געקאָנט זיך לײַכט ספּראווען מיט די צוויי פריצן. טראפּקין האָט אָבער א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— זאָלן זיי פאָרן.

מאמאָטשקין האָט זיך אפילע א ביסל באליידיקט. ער איז געווען געשטימט זייער קריגעריש און געוואָלט באווײַזן די אויסשפּירער, באזונדערס אניקאנאָוון, זײַן בעריעשאפט. און ער האָט זיך גע־טראכט: „לעמײַ גייען מיר און קוקן, ווען ארום אונדז איז אָנגע־שפּיקעוועט מיט „צינגער"".

עס איז לאנגזאם אופגעשטאנען דער באגינען, און די באווע־גונג איבערן שליאך האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זיי רוקן זיך נאָר באנאכט, — האָט באמערקט אניקאנאָוו, — היטן זיך פון אונדזער אוויאציע. זיי גרייטן עפּעס, די באנדיטן.

טראפּקין איז ווידער אוועק מיט זײַנע מענטשן אין געדיכטן

נוס־וועלדל, און די אויסשפּירער האָבן אָנגעהויבן דרעמלען. מיט־אַמאָל האָט זיך פונעם הויז, וואָס באַם ברעג אָזערע, דערהערט אַן אויסגעצויגענער ווײ־געשריי. דערנאָך ווידעראַמאָל, און אַלץ איז שטיל געוואָרן.

— כ'וועל גיין אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָס, — האָט פאַרגעלייגט בראַזשניקאָוו.

— מע דאַרף ניט, — האָט געזאָגט טראַפּקין, — עס הייבט אָן טאָגן.

אויף דער אָזערע האָבן אַ שפּיל געטאָן רויטלעכע שטרייפן. קיינעדיק די סובאַרעס מיט וווּרשט, וואָס מאַמאָטשקין האָט אַרויסגעשלעפּט פון זײַנע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס, האָבן די אויסשפּירער ווידער אײַנגעדרעמלט.

טראַפּקינען האָט זיך ניט געשלאָפן. ער האָט צוגעפּויזעט נעענטער צו דער אָזערע און איז געבליבן ליגן אָן באַוועגונג אין די קוסטעס, קימאַט באַם סאַמע ברעג. דאָס הויז בײַ דער אָזערע האָט אָנגעהויבן זיך אויפכאַפּן פון שלאָף. אויף הויף האָבן זיך אַרומגעדרייט הינט און צוריק מענטשן.

איינציקע זײַנען פון טויער אַרויס דרײַ. איינער פון זיי, דער סאַמע הויכער, האָט צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק פון זײַן היטל און לאַנגזאַם אָנגעהויבן דערווײַטערן זיך פון הויז. אויף בערגל האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די, וואָס זײַנען געבליבן שטיין באַם טויער, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז שנעל אַוועק מיטן שטעג צום שליאַך. אין דעם מאָמענט האָט טראַפּקין באַמערקט, אַז דער דײַטש טראָגט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע און אַז די לינקע האַנט איז בײַ אים פאַרבאַנדאַזשירט.

דער געדאַנק, אַז אָט דעם דײַטש דאַרף מען כאַפּן, האָט אים באַ־הערשט גלײַך פון אָנהייב. דאָס איז אפילע געווען ניט קיין געדאַנק, נאָר אַן אימפּולס, וואָס דערוועקט זיך בײַ יעטווידן אויסשפּירער, ווי נאָר ער דערזעט אַ דײַטש. נאָר גלײַך נאָך דעם האָט טראַפּקין מיטאַמאָל

פארשטאנען דעם צוזאמענהאנג צווישן דער פארבאנדאזשירטער האנט און דעם באנאכטיקן ווײַ־געשריי אין הויז בײַ דער אָזערע. דאָס הויז בײַ דער אָזערע איז א דײַטשישער שפּיטאָל. באנאכט האָט מען דאָ, ווײַזט אויס, עמעצן אָפּערירט. דער הויכער דראָנג, דער דײַטש, וואָס שפּאַנט אזוי איבערן וועג, האָט זיך, אפּאָנעם, אויסגעשריבן פון שפּיטאָל, און ער גייט איצט אין זײַן מיליטער־טייל. א ט דעם דײַטש וועט קיינער ניט זוכן.

אניקאנאָוו און מאמאָטשקין זײַנען ניט געשלאָפן. צוגייענדיק צו זיי, האָט ער באוויזן מיט דער האנט אף דעם לאנגן דײַטש און א זאָג געטאָן:

— אָט דעם פריץ דארף מען נעמען.

ביידע זײַנען זיי געווען פארכידעשט. דער ליטענאנט, וואָס איז געוויינלעך אזוי פּאָרזיכטיק, הייסט נעמען א דײַטש אין מיטן העלן טאָג. טראַפּקין האָט פארשטאנען, וואָס זיי כידעשן זיך, האָט ער זיי דערקלערט, אָנווײַזנדיק אפן הויז:

— דאָרט איז א שפּיטאָל.

זיי האָבן באמערקט דעם ווײַסן באנדאזש אף דער האנט פון „צונג", און זיי האָבן פארשטאנען.

מע האָט אופגעוועקט די איבעריקע אויסשפּירער. אלע האָבן זיך געלאָזט אין וואלד פארלויפן דעם דײַטש דעם וועג. ער איז זיך געגאנגען פּאַוואָליע, אונטערברומענדיק א לידל, און, קענטיק, געקליבן טײַנעג פון דעם פריילינגדיקן אינדערפרי. אלץ איז פארלאָפן פּאָשעט, וואָס פּאָשעטער קען ניט זײַן. דער קליינינקער גאָלוב, וואָס נעמט א „צונג" צום ערשטן מאָל, איז אפילע געווען א ביסל אנטוישט. ער האָט גאָר ניט באוויזן מיטן פינגער א ריר טאָן דעם פריץ. מע האָט דעם דראָנג א כאַפּ געטאָן, פארשטאָפּט אים דאָס מויל מיט א פּילאָטקע, צונויפגעדרייט און אוועקגעשלעפּט אים, נאָך איידער דער שטארק אופגערעגטער גאָלוב האָט באוויזן זיך ארומצוקוקן.

געבראַכט דעם דײַטש טיף אין װעלדל, האָט מען אַרױסגענומען די פּילאָטקע בײַ אים פֿון מױל, און טראַפּקין האָט אים גענומען אױספֿרעגן, אױסרײדנדיק די דײַטשישע װערטער האַרטלעך, מיט אַ רוסישן אַקצענט:

— צו װעלכן מיליטער־טײל געהערן זי?

דער דײַטש האָט געענטפֿערט:

— 131 אינפֿאַנטעריע־דיװיזיע, פֿיאָנירן־קאָמפּאַני (סאַפּיאָרן־ראָטע).

דאָס איז געװען אַן אינפֿאַנטעריע־דיװיזיע, פֿון װעלכער די אױס־שפּירער האָבן גוט געװוּסט — זי איז געשטאַנען אױף דער פֿאָדערשטער ליניע.

טראַפּקין האָט זיך גוט צוגעקוקט צום געפֿאַנגענעם. דאָס איז געװען אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר פֿינף און צװאַנציק מיט װאַסערדיקע אױגן, טיפּישע פֿאַר פֿיל דײַטשישע פֿענעמער.

אַרײַנקוקנדיק אין אָט די װאַסערדיקע אױגן, האָט טראַפּקין אים װײַטער אױסגעפֿרעגט:

— עסעסאָװצעס האָט איר דאָ געזען?

— אָ, יאָ, — האָט דער דײַטש געענטפֿערט, װי ער װאָלט זיך דערפֿרײט פֿון דעם, װאָס ער קאָן עפּעס װאָס דערצײלן, און האָט אַ ביסל דרײסטער גענומען קוקן אױף די רוסן, — אַ גאַנצע מענגע, איבעראַל.

— װאָס זײַנען עס פֿאַרא טײלן? — האָט געפֿרעגט טראַפּקין.

— די עסעסאָװישע טאַנקען־דיװיזיע „װיקינג”. זײער אַ באַרימטע, אַ שטאַרקע דיװיזיע, פֿון הימלערס אױסגעקליבענע טײלן.

— אַ... — האָט אױסגערופֿן טראַפּקין.

די אױסשפּירער האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער קאָמאַנדיר האָט זיך דערװוּסט עפּעס גאָר װיכטיקס. כאָטש דער באַשטאַנד פֿון דער דיװיזיע „װיקינג” און די צילן פֿון איר קאָנצענטרירונג האָט דער דײַטש ניט

געוווּסט, האָט טראַפּקין אָפּגעשאַצט דעם גאַנצן באַטײַט פֿון דער יערינע. ער האָט קימאַט מיט סימפּאַטיע געקוקט איצט אַפֿן דעם לאַנגן דראָנג. און דער דײַטש, קוקנדיק אויפֿן יונגן שיינעם רוס מיט די קלאָרע ערנסטע אויגן, האָט פּלוצלינג דערפֿילט אַ האָפֿענונג: ס'קען ניט זײַן, אַז אָט דער סימפּאַטישער מענטש זאָל היטן אים דערהאַרגענען.

טראַפּקין האָט אָפּגעריסן זײַן בליק פֿון דעם דײַטשם סאָלדאַטישן ביכל און האָט אַ טראַכט געטאָן: מע דאַרף מיטן פּריץ פֿאַרענדיקן. דער דײַטש האָט ווי פֿאַרשטאַנען דעם לייטענאַנטס מאַכשאָווע, ער האָט מיטאַמאָל גענומען ציטערן און געזאָגט:

— הער קאָמוניסט, קאַמעראַד, איך בין אַן אַרבעטער. טוט אַ קוק אויף מײַנע הענט. גלייבט מיר, איך בין ניט קיין נאַצי. איך בין אַן אַרבעטער און אַן אַרבעטערס אַ זון.

אַניקאַנאָוו האָט אומגעפּער פֿאַרשטאַנען די דאָזיקע ווערטער. ער האָט געוווּסט דעם טײַטש פֿון דעם וואָרט „אַרבײַטער“.

— אָט באַווײַזט ער זײַנע הענט און זאָגט: „איך, הייסט עס, בין אַן אַרבעטער“ — האָט פֿאַרטראַכט געזאָגט אַניקאַנאָוו. — הייסט עס, ווייסט ער, אַז בײַ אונדז האָט מען אַכטונג צו דעם אַרבעטס־מענטש, ער ווייסט, קעגן וועמען ער קעמפֿט, און דאָך קעמפֿט ער.

טראַפּקין איז פֿון קינדווײַז אָן דערצויגן געוואָרן אין ליבע און אַכטונג צום אַרבעטס־מענטש, אָבער אָט דעם זעצער פֿון לייפּציג האָט מען געמוזט טייטן.

דער דײַטש האָט דערפֿילט אין דעם ראַכמאָנעס אין די אַנטשלאָסנקײַט אין טראַפּקינס אויגן. דאָס איז געווען ניט קיין נאַרישער דײַטש און ער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַרא מענטשן עס שטייען פֿאַר אים. ער האָט זיך צעוויינט, ווײַל ער האָט דערזען זײַן טויט אין געשטאַלט פֿון אָט דעם יונגן שיינעם וואָלד־גײַסט מיט די גרויסע אַנטשלאָסענע און ראַכמאָנעסדיקע אויגן.

---



## גײַנטער קאפּיטל

וואָס איז פאָרגעקומען אינ זייער נעשאָמע? זיי אליינ וואָלטנ ניט אזוי לײַכט געקאָנט ענטפערנ אפ אָט דער פראגע. זייער פארגאנגענהײַט, זייערע פריִערדיקע איבערלעבונגענ, טרוימענ, לײדנ אונ פריידנ זײַנענ פארשווונדנ פונ זיקאָרנ, אונ אויב זיי פלעגנ יאָ אופוואכנ אמאָל, איז נאָר שטיקלעכווײַז, אָפּגעריסענערהייט. זיי האָבנ געלעבט מיט דער אופגאבע אונ געטראכט בלויז וועגנ איר.

פונ פאָרנט האָבנ געשפּאנט אניקאנאָוו מיט גאָלובנ, א מעטער פערציק הינטער זיי — טראפּקינ אונ סעמיאָנאָוו מיט דער ראדיאָסטאנציע. לינקס, פאראלעל דעמ שאָסיי־וועג — מאמאָטשקינ אונ ביקאָוו, אונ רעכטס, באוואכנדיק די גרופּע פונ דער זײַט פונ וואלד — בראזשניקאָוו. דאָס איז געווענ א דרײַעק, אינ וועלכנ טראפּקינ איז געווענ דער צענטער פונעמ באזיס, אונ אניקאנאָוו — דער שפּיצ. צומאָל, דערפילנדיק, אז עס שמעקט מיט דײַטש, פלעגט דער דרײַעק אײַנגעשרומפּנ ווערנ אונ פלעגט זיכ אָנהייבנ באוועגנ לאנגזאמער. די מענטשנ פלעגנ זיכ אָפּשטעלנ אונ צוהערנ צומ מינדסטנ שאָרכ. עס פלעגט זיכ לאָזנ הערנ אניקאנאָווס פייגל־געשריי, אונ אלע פלעגנ בלײַבנ פארגליווערטע.

לינקס איבערנ שאָסיי האָבנ זיכ געצויגנ איינס נאָכנ אנדערנ מא־

שינעס און פּאַנצער־טראַנספּאָרטיאָרנ. עס האָבנ געקלונגענ דײַטשישע לידלעכ, דײַטשישע קלאָלעס און די דײַטשישע קאָמאַנדע. אַמאָל פלעגנ פאַרבײַגײנ אינפאַנטעריע־טײלנ, און די רײד פונ די סאָלדאַטנ האָבנ זיכ געהערט אַזוי נאָענט, אַז ס׳האָט זיכ געדוכט: וועסט נאָר אויסשטרעקנ אַ האַנט, וועסטו פּאַקנ אַ דײַטש, וועסט זיכ אָנשטויסנ אָנ אַ דײַטשישנ פּאַרצעפּ, זיכ אָפּברענענ אָנ פײַער פונ אַ דײַטשישער סיגאַרעט.

טראַפּקינ האָט פעסט באַשלאָסנ מער קײנ „צינגער" ניט נעמענ. ער האָט געפילט, אַז זײ האָבנ זיכ פאַרקליבנ אינ סאַמע צענטער פונ דעמ סוינעס מיליטער. אײנ אומפאָרזיכטיקע באַוועגונג, אַ האַלב־דערשטיקטער אויסגעשרײ, און גלײַכ וועט זיכ אַ לאָז טאָנ אינ געיעג די גאַנצע עסעסישע באַנדע. ער האָט געוווּסט, אַז דאָ קאָנצענטרירט זיכ די טאַנקענ־דיוויזיע „וויקינג". ער האָט אָבער נאָכ ניט געוווּסט איר באַשטאַנד און אירע פּלענער. דעמ באַשטאַנד קאָנ מענ בעסער דערגײנ, ווענ מע זאָל פירנ אַ כעזשבנ פונ די פאַרבײַגײענדיקע מיליטער־טײלנ, טאַנקענ און אַרטילעריע. וואָס שײַעכ אָבער דעמ פּלאַנ און די צילנ — דאָס קאָנ זײַנ באַוווּסט נאָר אַ מער אינפאָרמירטנ דײַטש, אײדער דער ערשטער. אַזאַ מינ דײַטש מוז מענ נעמענ נאָכנ אויסשפּירנ די אײַזנבאַנ־סטאַנציע.

טראַפּקינס פאָרזיכטיקער פּלאַנ איז אָבער אומדערוואַרט צעשטערט געוואָרנ. מיטאַמאָל האָט זיכ פונ לינקס דערהערט אַ גערויש, דערנאָכ איז פונ דער פינצטערניש אַרויסגעפלויגנ מאַמאָטשקינ און שנעל אַ זאָג געטאָנ:

— דאָ באַמ וועג ליגט אַ דײַטש, טויט־שיקער...

ווי נאָר טראַפּקינ האָט אַ קוק געטאָנ אַפ דעמ „שיקערנ" דײַטש, האָט ער גלײַכ פאַרשטאַנענ, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. דער פריץ האָט ניט פאָרזיכטיק זיכ פאַרטיפט אינ וואַלד, האָבנ אימ מאַמאָטשקינ מיט ביקאָוונ אַזוי פּריטשמעליעט, אַז ער איז געבליבנ ליגנ אָנ לאָשנ.

מאַמאַטשקינ האָט זיכ מיט א שולדיקער מינע פאַרענטפערט:

— ער איז קימאַט ווי געקראָכנ צו מיר אינ די הענט. וואָס האָב איכ געזאָלט טאָנ מיט אימ?

א סאַכ ריידנ איז ניט אויסגעקומענ. זיי האָבנ א כאַפּ געטאָנ דעמ געפאַנגענעמ אפּ די הענט אונ אוועקגעטראָגנ טיפער אינ וואַלד אריינ. עס האָבנ זיכ שוינ געהערט די אויסגעשרייענ פונ די דייטשנ, וואָס האָבנ גערופנ דעמ פאַרשווונדענעמ:

— אורכו! אורכו!

— ווילליבאַלד! ווילליבאַלד!

— הער בענעקע!..

דעמ געפאַנגענעמ האָט מענ אוועקגעלייגט אפּנ גראָז בא אנ אָזער. מאַמאַטשקינ האָט א שפּריצ געטאָנ אפּ אימ א ביסל וואַסער אונ האָט אפילע ניט געקאָרגט א ביסל סאַמאָהאָנ אריינצוגיסנ דעמ דייטש אינ מויל. מאַמאַטשקינ האָט מאַמעש געשיינט אונ געהאַלטנ אינ איינ האַווענ ארומ „זיינ" דייטש, צעלייגנדיק אימ אפּ טעלערלעכ.

— דאָס איז אנ עכטער, אנ עמעסער עסעסאָוועצ. אָט דער טייוול ווייסט אלצ... טוט א קוק, באַווער לייטענאַנט, אנ אָפּיצער, ערנוואָרט, אנ אָפּיצער!

יורי גאָלוב האָט מיט גרוים נייגיר געקוקט אפּנ דייטש אונ פּאַרדראָסיק געקנייטשט דעמ שטערנ:

— אלע נעמענ „ציגנער", אונ איכ האָב נאָכ אלצ ניט געפּאַקט קיינ איינעמ...

— עס זיכ ניט אָפּ דאָס האַרצ, גאָלובאָק, — האָט אימ געטרייסט אַניקאַנאָוו, — אָט די סכוירע איז דאָ פאַראַנ א סאַכ. וועסט נאָכ באַווייזנ.

אפּ טראַפּקינעס האָבנ מיט גרויל געקוקט די אויגנ פונ אנ עסעסאָווישנ האופּטשאַרפירער (אָבער־פעלדפעבל פונ ס.ס.־מיליטער). צו־

טערנדיק ווי א בלאט, האָט דער עסעסאָוועצ געזאָגט, אז ער דינט אינ 9־טנ מאָטאָ־פּאָלק „וועסטלאנד" פונ דער 5־טער טאנקענ־דיוויזיע ס.ס. „וויקינג", ד.ה., ער האָט מיטגעטיילט דאָס, וואָס איז געווענ אָנגעשריבנ אינ זײַנ סאָלדאטישנ ביכל, וועלכנ מאמאָטשקינ האָט בא אימ ארויסגענומענ פונ קעשענע. ווײַטער האָט ער דערציילט, אז דער פּאָלק „וועסטלאנד" באשטייט פונ דרײַ באטאליאָנענ צו פיר ראָטעס אינ יעדנ. קיינ טאנקענ זײַנענ אינ פּאָלק ניטאָ, אונ צי זיי זײַנענ פאראנ אינ די איבעריקע פּאָלקנ — ווייסט ער ניט. די דיוויזיע איז אָנגעקומענ פונ יוגאָסלאוויע. דער שטאב שטייט אײַנ אינ א דאָרפ ניט ווײַט פונדאנענ, נאָר ווי רופט מענ דאָס דאָרפ, געדענקט ער ניט, ווײַל, זאָגט ער, ער איז ניט אימשטאנד פארגעדענקענ די רוסישע אונ פוילישע נעמענ פונ שטעט אונ דערפער. ער געדענקט נאָר „מאָסקאו" אונ „ווארשאו" — האָט ער מיט פּלוצלינגדיקנ ארויסרופ א זאָג געטאָנ. מאמאָטשקינ האָט אימ ארײַנגעוואָרפנ א פּאטש אינ פּאָנעמ, אונ דער פריצ האָט, גלײַכ פארלירנדיק דעמ האָנער, אָנגעהויבנ שטיל סקאווטשענ.

ווענ מע האָט זיכ אָפּגעפּארטיקט מיט דעמ האופּטשארפיורער, האָט זיכ טראפּקינ פארבונדנ מיט דער „ערד". דאָס מאָל האָט די ראדיאָ־סטאנציע געארבעט אויסגעצייכנט. לויט די שטימענ פונ דער „ערד" האָט טראפּקינ פארשטאנענ, אז זײַנ מיטיילונג איז אויפגענומענ געוואָרנ ווי עפּעס אומדערווארטס אונ זייער וויכטיקס. צומ סאָפ האָט ער דערהערט א פרויענ־שטימ אונ האָט דערקענט קאטיעס קאָל. זי האָט אימ געווונטשנ דערפּאָלג אונ א גיכנ צוריק־קער.

— מיר נעמענ אײַכ היימ ארומ! — האָט זי מיט אופרעגונג אונ שטאָלצ פארענדיקט, אונ אזוי, ווי זי זאָל האָבנ געזאָגט עפּעס אזוינס, וואָס האָט א דירעקטע שײַכעס צו דער אויפגאבע, א פרעג געטאָנ: — איר האָט מיכ פארשטאנענ? וויאזוי האָט איר מיכ פארשטאנענ?..

— איכ האָב אײַכ פארשטאנענ... — האָט ער געענטפערט.

פארטאָג זײַנען די אויסשפּירער געווען בא א פּאָלוסטאַנאָק, זיבן קילאָמעטער פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, וווּהין זיי זײַנען געגאַנגען.

דער פּאָלוסטאַנאָק איז באַשטאַנען פון א געמויערט בײַדל, אָפּגע־פאַרבט אין געלן קאָליר, אַרומגערינגלט מיט צוויי רייען גראָבע סאָס־נע־בערווענעס. אן ענלעכע באַפעסטיקונג האָט פון ביידע זײַטן אַרומ־גערינגלט אויך דאָס הילצערנע אײַזנבאַן־בריקל, ניט ווײַט פון פּאָ־לוסטאַנאָק. דאָס האָבן די דײַטשן אַזוי אָפּגעהיט זייערע קאָמוני־קאַציעס פון די פּאַרטיזאַנישע אָנפאַלן.

אפן וועג צום פּאָלוסטאַנאָק איז געשטאַנען א לאַנגע שורע אַוו־טאָמאָבילן. דער עק אירער האָט דערגרייכט ביז צום וואַלד, פון וועלכן עס האָבן אין אָט דער פריער שאָ אַרויסגעפּויזעט די אויס־שפּירער. אין דער טיפער שטילקײַט האָט זיך געהערט, ווי סע קלינגט א טעלעפאָן און עס רעדט א גראָב דײַטשיש קאָל.

אָנגענעמ איז געווען נאָך צוויי מעסלעס וואַנדלען איבער וועלדער־דערזען א רעלסן־וועג, וואָס ציט זיך אין נעפּלדיקער ווײַט, א סעמאַ־פאָר, אײַזנבאַן־געבײַדעס...

אַניקאַנאָוו האָט אָפּגעשטעלט די אויסשפּירער מיט א פויגל־געשריי, צוגעפּויזעט צו דער לעצטער לאַסט־מאַשין און אַרײַנגעקוקט אין דער קאַבינע פונעמ שאָפער. זי איז געווען פּוסט. לײדיק זײַנען גע־ווען אויך די צווייטע און דריטע לאַסט־מאַשינעס. זיי זײַנען פון אונטן ביז אויבן געווען געלאָדן מיט פּוסטע זעק פון מעל. אַניקאַנאָוו האָט זיך אומגעקערט און דערציילט וועגן דעמ טראַפּקינען.

— געקומען זיך אָנלאָדן, — האָט ער געזאָגט, — מע וואַרט אפּ א צוג.

טראַפּקין האָט אויך באַשלאָסן וואַרטן אפן צוג. נאָר קיין צוג האָט זיך אַלץ ניט באַוויזן. אין א צײַט אַרום זײַנען פון סטאַנציע־שטיבל אַרויס די פאַרשלאָפענע שאָפערן און זײַנען אַוועק, פויל גענעצנדיק, צו זייערע מאַשינעס.

פון די אפגעריסענע ווערטער, וואס זײַנען דײַטלעכ אהער דערפלויגן, האט טראפקין פארשטאנען, אז די מאשינעס וועט מען אנלאדן ניט דא, נאר אפ דער סטאנציע, און באלד וועלן זיי זיכ רירן אינ וועג. ער האט א רעגע געטראכט און באשלאסן צו שיקן אפ דער סטאנציע נאר צוויי אויסשפירער, די איבעריקע האבן געדארפט בלײַבן ווארטן דא. די סטאנציע שווימלט און גריבלט מיט דײַטשן, איז צו וואס ריזיקירן מיט אלע אויסשפירער.

ער האט אויסגעטיילט אניקאנאוון און ביקאוון און דערנאכ יודי גאלובן — פאר א דריטן, ווײַל יענער האט זיכ שטארק געבעטן.

— מיר וועלן פארן, רעכן איכ? — האט אניקאנאוו געפרעגט מיט א טאן, ווי די מאשינעס וואלטן ווארטן טאקע אפ זיי.

זאלבעדריט האבן זיי צוגעפויזעט צו דער לעצטער מאשינ און בליצשנעל ארײַנגעקראכן אינ איר. אניקאנאוו האט פאטערלעכ־זארגזאמ צוגעדעקט ביקאוון און גאלובן, און אליינ האט ער זיכ אויכ פארוקט טיפ אינ די זעק, איבערלאזנדיק נאר א שפארונע אפ צו קוקן און האלטנדיק גרייט דעמ אווטאמאט אינ האנט.

אינגיכן איז צו דער לאסט־מאשינ ניט געפײַלט צוגעגאנגען דער שאפער. ער האט זיכ ארײַנגעזעצט אינ דער קאבינע, און די מאשינ האט זיכ א ריר געטאן.

די קאלאנע האט זיכ גערוקט איבער א וואלד־וועג. אזוי זײַנען זיי געפארן א מינוט פופצן. דערנאכ האט זיכ די מאשינ אפגעשטעלט. אניקאנאוו האט דערהערט דײַטשישע רייד און דערזען צוויי פארשויינען, וואס האבן זיכ אנגעקלאמערט אנ בארט און דערנאכ ארײַנגעשפרונגען אינ דער מאשינ ארײַנ. צומ גליק פון די אויסשפירער זײַנען די דײַטשן ניט געווען קיינ באלאנימ אײַנדריכטנ זייערע שווארצע עסעסישע מונדירן אינ מעל־שטויב און זײַנען געבליבן זיצנ אפן הינטערשטן בארט, האלטנדיק זיכ וואס ווײַטער פון די זעק. דאכ איז דאס געווען ניט קיינ אנגענעמע שכיינעס. אפ די בערגלעכ אינ די קא־

נאָוועם פלעגט די מאַשין אונטערשפּרינגען, און מע האָט געקאָנט דערזען די קאָנטורן פון מענטשלעכע קערפּערס אונטער די זעק. אַניקאַנאָוו האָט זיך אָנגעהויבן באַזאָרגן — עפּשער קלייבן זיך אָט די פייַנע פּאַסאַזשירן צו פאָרן סאַמע ביז דער סטאַנציע? דאָס וואָלט געקאָנט פירן צו גאָר אומאָנגענעמע פאָלגן.

פּלוצעם איז געוואָרן א ליאַרעם. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַרום איר האָט זיך אָנגעהויבן א לויפערייַ. די דייַטשן, וואָס זייַנען געזעסן אָפן באָרט פון דער מאַשין, זייַנען אַראָפּגעשפּרונגען אָפ דר'ערד. אַניקאַנאָוו האָט דערהערט אין דער הייך א רויש פון מאָ־טאָרן. ער האָט אינסטינקטיוו אייַנגעבויגן דעם קאָפּ, נאָר מיטאַמאָל פאַרשטאַנען און א שמייכל געטאָן: דאָס זייַנען דאָך אונדזערע!

און פּונקט ווי ס'וואָלט געווען א קלאָרע זאַך, אַז א סאָוועטישע באָמבע קאָן זיי קיין שאָדן ניט ברענגען, האָט ער פרייִדיק אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער די זעק און א זאָג געטאָן צו ביקאָוון און גאָלובן:

— יאַטן, אונדזערע פליִען!

עס זייַנען געפלויגן זעקס אַעראָפּלאַנען. די רויטע שטערן אָפ זייערע פליגל האָבן אָנגעפילט דאָס האַרץ פון די אויסשפּירער מיט אַנציקונג. די אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גאַנץ נידעריק אי־בערן וואַלד.

אַניקאַנאָוו האָט זיך אַרומגעקוקט. די דייַטשן האָבן זיך באַהאַלטן אין געדיכטן וואַלד. עס האָבן זיך געלאָזט הערן די אַליאַרעם־סירע־נעס פון די לאָקאָמאָטיוון. די סטאַנציע איז געווען נאָענט.

— נאָך מיר! — האָט באַפוילן אַניקאַנאָוו, און זיי זייַנען אַראָפּ־געשפּרונגען, זיך דורכגעשלייַכט צווישן די מאַשינען און מיט שנע־לע טריט זיך געלאָזן אין וואַלד אַריין. נאָר דאָ האָט זיי באַמערקט א דייַטש, וואָס איז געלעגן אונטער א בוים. ער האָט געמאַכט א גוואַלד:

— Fallschirmjäger! (פּאַראַשוטיסטן).

עס האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי. די אויסשפּידער האָבן גע־
ענטפערט מיט עטלעכע רייען זייערע אווטאָמאטן. א ביסל שפּע־
טער האָט אניקאנאָוו באמערקט, אז גאָלוב איז געוואָרן שרעקלעך
בלאס און האָט גענומען לאנגזאם פאלן.

— יענעמ דײַטש האָט מען געקענט פּאקן... — האָט ער געזאָגט,
שוין ליגנדיק אפ אניקאנאָווס ברייטער פּלייצע. דאָס זײַנען געווען
די ערשטע ווערטער נאָך דעמ, ווי ער איז פארוווּנדעט געוואָרן, און
אויך זײַנע לעצטע ווערטער. אן אופרײַס־קויל האָט אימ געטראָפן אין
ברוסט, נידעריקער פון הארצן. זײַן הארץ האָט נאָך געקלאפּט, אָבער
אלץ שוואכער און שוואכער. א סאך שפּעטער איז ער ווידעראמאָל גע־
קומען צו זיך און האָט דערזען איבער זיך דאָס ערגסטע בלייכע
פּאָנעמ פונעמ לייטענאנט. דאָס איז געווען דאָס לעצטע, וואָס ער האָט
געזען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א געוויטער. די דעמבן, באדעקטע מיט
יונגן געבלעטער, האָבן געטרייסלט אונטערן דראנג פון ווינט, עס איז
אוועק א שלאקס־רעגן, און טויזנטער ריטשקעלעך האָבן גענומען
האווען אונטער די פיס, ווי מאכנעלעך מײַז.

זיצנדיק אומבאוועגלעך נעבן דעמ גויסעסדיקן גאָלובן, האָט
טראפּקין געווארט אפ אניקאנאָוון, וועלכער איז צום צווייטן מאָל
אוועק, — דאָס מאָל מיט מאמאָטשקינען — צו דער סטאנציע. נאָך
אָט דעמ טראגישן צופאל האָט טראפּקין ניט געוואָלט מער צעטיילן
די גרופּע אפ צוויי טיילן. אָבער גאָלובן, וועלכער האָט נאָך געלעבט,
האָט מען ניט געקענט איבערלאָזן אליין, און די אופגאבע אויספירן
האָט מען געמוזט.

אונטער די פיס האָט געבליופעט און אפ דער פּלייצע זײַנען גע־
פאלן שווערע טראָפּנס. דער שלאקס־רעגן האָט אָפּגעוואשן פון דעמ
יונגלס דאר פּאָנעמ די שפּורן פון שטויב און פון אומרו, און עס
האָט געלויכטן אין דער פינצטער.

אניקאנאָוו און מאמאָטשקינ האָבנ צוגעפּויזעט נאָר נאָענט צו די געבײַדעס בא דער סטאנציע. באַם שײַנ פונ די אָפּטע בליצנ האָבנ זיי דערזענ צוויי אָנגעלאָדענע צוגנ. אַפּ די פּלאַטפאָרמעס זײַנענ געשטאַנענ טאַנקענ.

די לאָקאָמאָטיוונ האָבנ ארויסגעלאָזנ געדיכטע קנוילנ דאמפּ און באַשאָטנ מיט פונקענ דעם רעלסנ־וועג. לעבנ די פּאקהאוזנ מיט דראָט־פארצוימונגענ ארומ זיי האָבנ זיכ ארומגעדרייט מענטשנ און געגראַגערט אפּנ נימעס געוואָרענעם דײַטשישנ לאָשנ. דערנאָכ האָבנ די דײַטשישע וואַכ־סאָלדאטנ מיט קוילעס און זידלערײַענ געטריבנ פונ אײַזנבאַנ־וועג א גרופּע פּויערטעס מיט זעק אַפּ די פּלייצעס. מע האָט געהערט, ווי די פּויערטעס שילטנ זיכ אַפּ אוקראַיִניש: „שיידימ, ניט קיינ מענטשנ, אַטעמענ לאָזנ זיי ניט".

אניקאנאָוו איז געווענ אומצופרידנ: צו וואָס איז ער געקראָכנ אינ דער פארשאָלטענער לאַסט־מאַשינ? ווענ זיי וואָלטנ ניט געווענ קריכנ אַהינ, וואָלט עפּשער מיט גאָלובנ דער אומגליק ניט געשענ.

די דײַטשנ האלטנ אינ אויסלאָדנ טאַנקענ. - ווײַזט אויס, זיי גרייטנ א גרויסנ אָנגריפּ. און ווו — איז אומבאוווּסט. ווענ מע זאָל פּאקנ נאָכ א „צונג", וואָלט מענ געקאָנט זיכ דערוויסנ, וואָס פאר אנ אופגאבע האָט די עסעס־דיוויזיע.

— „נו, אָט גייענ ארומ דײַטשנ, — האָט אניקאנאָוו געטראַכט, — אָבער ווער פונ זיי ווייסט די אופגאבע פונ זייער דיוויזיע? ווערסט פּאקנ א יאָלד, ווערסטו בא אימ קיינ טאָלק סײַווי ניט דערגיינ".

אניקאנאָווס אופמערקזאמקײַט האָבנ צוגעצויגנ צוויי דאַרע דײַטשנ אינ ברייטע גלאַנציקע גומענע רעגנ־מאַנטלענ. בא דער שײַנ פונ די בליצנ האָט ער זיי געזענ אָט צוזאַמענ און אָט באַזונדער. זיי האָבנ הויכ אַפּ א קאָל געקאָמאַנדעוועט. דאָס זײַנענ קענטיק אָפיצערנ, זיי זײַנענ, ווײַזט אויס, ארויס פונ יענעמ אווטאָמאָביל, וועלכער האָט זיכ אָפּגעשטעלט בא דער הינטער־וואַנט פונעמ נאָענטסטנ פּאקהאוז.

ליגנדיק אונטערנ שלאקס־רעגנ, האָט אניקאנאָוו געטראכט וועגנ גאָ־לובנ: צי לעבט ער נאָכ? ער ליגט נעבעכ אונטערנ רעגנ... גוט וואָלט געווענ קריגנ פאר אימ אזא מאנטל, ווי אפ אָט די פריצנ.

— מיר וועלנ נעמענ אנ אָפיצער? — האָט אניקאנאָוו געפרעגט בא מאמאָטשקינענ.

מאמאָטשקינ האָט געזאָגט:

— אונ דער לייטענאנט? ער האָט דאָכ ניט געהייסנ נעמענ קיינ „צונג“.

אניקאנאָוו האָט אופמערקזאמ ארײַנגעקוקט מאמאָטשקינענ אינ פּאָנעמ.

— מיר וועלנ עס אינ איינ רעגע אָפּפּארטיקנ, — האָט ער געזאָגט, — אונ דערנאָכ גלײַכ אהיימ.

מאמאָטשקינ האָט א ציטער געטאָנ. זיי זײַנענ געווענ זאלבעצווייט קעגנ הונדערטער דײַטשנ, וואָס נישטערנ דאָ אפ יעדנ טריט. אונ אָט צווישנ די הונדערטער פארכאפּנ — זאלבעגאנד! — אנ אָפיצער? אונ אניקאנאָוו האָט אלצ נאָכ אופמערקזאמ געקוקט אפ אימ אונ איבערגעבאזערט:

— מיר וועלנ עס אינ איינ רעגע...

מאמאָטשקינ האָט פארצווייפלט א מאכ געטאָנ מיט דער האנט, טיפ אָפּגעטעטעמט, א הייב געטאָנ זיכ, אנציקט פונ זיכ אליינ, אונטערגעשטעלט דאָס פּאָנעמ אונטערנ שטראָמ רעגנ, אונ שווער אָטעמענדיק, ווי אינ פיבער, גענומענ וואָרפנ אָפּגעהאקטע ווערטער:

— לאָמיר, וואניע... לאָמיר! גוט, וואניע. איינס אונ צוויי אונ — פּארטיק... מירנ עס מאכנ, הא? ניט שוינ זשע וועלנ מיר עס ניט מאכנ?..

זיי האָבנ אוועקגעפּויזעט פּאָרויס, אונטערגעקראָכנ אונטער די דראָט־פארצוימונגענ אונ פארטײַעט זיכ לעבנ דעמ אווטאָמאָביל.

דער רעגנ האָט געגאָסנ ווי פונ אנ עמער, אונ שטראָמענ וואסער האָבנ גערונענ איבער די פּאָלירטע ווענטלעכ פונ דער מאשינ.

— איינער פונ די פריצנ איז, דאכט זיכ, א גענעראל... — האָט געשעפּטשעט מאמאָטשקינ, צוגעבנדיק מוט זיכ אליינ.

— אוואדע א גענעראל, — האָט בארויקנדיק געמורמלט אניקאנאָוו.

עס האָט געדויערט ניט וויניקער ווי א שאָ, ביז עס האָבנ זיכ דערהערט טריט, אונ איינער פונ די אָפיצערנ האָט געזאָגט:

— וויר פארענ זאָפאָרט (גלייכ פאָרנ מיר)!

ער איז גלייכ אומגעפאלנ — אניקאנאָוו האָט אימ דערלאנגט מיטנ מעסער אינ הארצנ. דער צווייטער, פריטשמעליעט אונ צוגעדריקט מיטנ פּאָנעמ צו מאמאָטשקינס פלאטערנדיקער ברוסט, האָט פארלאָרנ דעמ באוווסטזיינ.

די דייטשנ ארומ זיינענ אומגעקומענ פונ די פאקהאַזנ צו די צוגנ אונ צוריק. דער רעגנ האָט געגאָסנ, ווי פונ אנ עמער.





# צענטער קאפיטל

די פינפטע טאנקען־דיוויזיע עסעס „וויקינג” איז געווען איינע פון די אפגעקליבנסטע דיוויזיעס אין עסעסישן מיליטער.

אט די דיוויזיע איז באשטאנד פון 9־טן מאטא־פאלק „וועסט־לאנד”, 10־טן מאטא־פאלק „גערמאניא”, 5־טן טאנקען־פאלק, 5־טן דיוויזיאן פון שטורעם־ארטילעריע, 5־טן פאלק פון פעלד־ארטילעריע, אין גאנצן גלאנצ פון איר ערשטקלאסיקער טעכניק, האט זיך עס, אונטער דער קאמאנדע פונעם גרופענפיורער (גענעראל־לייטענאנט פון עסעס־מיליטער) הערבערט הילע, געהיים קאנצענטרירט אין די דאזיקע אומענדלעכע וועלדער. די דיוויזיע האט געהאט די אויפגאבע דערלאנגען אומגעריכט א קלאפ, דעבלאקירן די שטאט קאוועל, וואס די רוסן האבן געהאט ארומגערינגלט, צעשפליטערן די סאוועטישע טיילן אפ איזאלירטע גרופעס און, פארניכטנדיק זיי, אפשטויסן הינטער די טײַכן סטאכאד און סטיר.

פארן קומען אהער האט די דיוויזיע זיך געפונען אין יוגאסלאוויע

אונ האָט מיט איר געווײנלעכער אכזאָריעס געהאלטנ אינ איינ זוכנ דעמ מארשאל טיטאָ מיט זײַנ שטאב. איצט, א קאָמפּלעקטירטע מיט א גרויסער צאָל מענטשנ אונ 60 טאנקענ פונ נײַעמ טיפּ „טיגער“, וועגנ וועלכנ דער הער רײַכסמיניסטער שפּעטער האָט זיכ אָפּגערופנ ווי וועגנ דעמ „קיניג פונ טאנקענ“, האָט די דיוויזיע געציילט 15 טויזנט מאנ. מיט די פּאָלקנ האָבנ קאָמאנדעוועט אזעלכע באריִמטע לײַט, ווי דער שטאנדארטענפיורער מיולענקאמפּפ, וועמענס פארדינסטנ דער פיורער האָט ניט איינמאָל אָפּגעמערקט אינ זײַנע באפעלנ, היטלערס געוועזענער פּערזענלעכער אדיוטאנט שטאנדארטענפיורער גארהײַמ אונ אנדערע היטלערישע וועלפ — אכזאָריעסדיקע אונ טעמפּע אינטריגאנטנ.

גלײַכ נאָכ דער דיוויזיע „וויקינג“ האָט געזאָלט איבערגעוואָרפנ ווערנ פונ פראנקרײַכ אפ אָט דעמ פראָנט־באצירק די 342 גרענאדיר־דיוויזיע אונטער דער קאָמאנדע פונעמ גענעראל־ליטענאנט ניקעל. איר אופגאבע איז געווענ — אנטוויקלענ דעמ דערפאָלג פונ די עסעסאָווצעס.

די גאנצע אָפּעראציע האָט מענ דורכגעפירט בעסאָד־סוידעס.

— די רוסנ האָבנ זיכ צו נאָענט דורכגעריסנ צומ גענעראל־גובערנאטאָרטומ, — האָט געזאָגט דעמ גרופּענפיורער הילע זײַנ הויכגעשטעלטער פרײַנט פאָנ־דעמ־באכ, קאָמאנדיר פונ עסעס־קאָרפּוס, אופנעמענדיק אימ אינ זײַנ הויז אפנ פּפאוענ־אינדזל לעבנ בערלינ, — די פאָלגנ פונ דעמ, פּארטיי־גענאָסע הילע, זײַנענ אײַכ קלאָר. ראָס וועט באטײַטנ די אקטיוויזירונג פונ אלע אנטיגערמאנישע קויכעס אינ אייראָפּע אונ קאָנ, גאנצ מעגלעכ, צווינגענ די ענגלענדער אונ אמעריקאנער אויכ אָנהייבנ עפּעס צו טאָנ... דער פיורער האלט אײַער אָפּעראציע פאר העכסט וויכטיק. די הויפּטקוואַרטיר איז פארינטערעסירט אינ דער טיפער געהיימניש פונ אָט דער איבערגרופּירונג. אלזאָ, נעמט אָנ אלע פארזיכטס־מיטלענ.

אצינד, קאָנצענטרירנדיק זײַנ דיוויזיע אינ די טונקעלע וועלדער מײַרעוור־צו פונ דער שטאָט קאָוועל, האָט הילע געוואַרט אפ ווײַטערדיקע פאַראָרדענונגענ. ער איז געווענ זיכער אינעמ דערפאָלג. עמעס, ער האָט געוווּסט, אז זײַנ דיוויזיע איז שוינ גאָר ניט די אייגענע, וואָס אינ 1940 אָדער אפילע אינ 1943 יאָר. מע האָט געמוזט זיכ אָפּזאָגנ פונעמ פרינציפּ פונ „ראַסנ־ריינקײַט”. צו זײַנ גרויסנ באַדויערנ, איז אויסגעקומענ צו קאָמפּלעקטירנ די דיוויזיע מיט האָלענדער, מאַדיארנ אונ אפילע מיט פּאָליאקנ. עמעס, די דאָזיקע אויסלענדער זײַנענ גוט דורכקאָנטראָלירט, דאָס זײַנענ אָנהענגער פונ דער „נײַער אָרדענונג”, אָבער דאָכ זײַנענ דאָס מענטשנ פונ פרעמד בלוט, גלײַכגילטיקע צו די אינטערעסנ פונעמ רײַכ. מע האָט געמוזט אויכ א שפּײַמאָנ אפנ שטרענגנ פיזישנ אָפּקלײַב. די סאָלדאַטנ פונ דער דיוויזיע, די קריגסלײַט פונ שוואַרצנ קאָרפּוס, זײַנענ שוינ ניט געווענ יענע קימאַט צוויימעטערדיקע ריזנ, וועלכע מע פלעגט אָפּקלײַבנ איבער גאַנצ דײַטשלאַנד. דאָ האָט מענ שוינ געטראָפנ דאַרע, קוואַרע מענטשלעכ — א שרעק צו קוקנ.

בײַסנ דורכקוק פונעמ מאָטאָ־פּאָלק „גערמאַניא” האָט דער גרופּענפיורער מיט שוידער באַמערקט עטלעכע הינקעדיקע אונ אפילע א הויקער. וואָס שײַעכ קליינוווּקסיקע, דאַרינקע, — איז אזעלכע אינ פּאָלק מער ווי א העלפט. יאָ, דאָס זײַנענ שוינ ניט יענע היטלערישע לאַנדס־קנעכט, צערייצטע פונ בלוט אונ פונ לײַכטנ רויב, וועלכע האָבנ מיט פײַער אונ שווערד דורכגעשפּאַצירט האָלאַנד, פראַנקרײַכ אונ דערגאַנגענ ביזנ קאַווקאַזער באַרג־רוקנ.

הערבערט הילע האָט מיט פאַרגעניגנ זיכ דערמאָנט אינ יענע צײַטנ, וועלכע זעענ איצט אויס ווי ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט. באַזונדערס איז אימ געפעלנ געווענ קאַווקאַז. דאָס דאָזיקע ווונדער־שיינע באַרגיקע לאַנד איז שענער אונ פּרעכטיקער איידער די שווייץ. דער הער גרופּענפיורער האָט אפילע געטרוימט וועגנ א וואַרעמ רויק ערטל

פון א גובערנאטאָר אָדער שטאטהאלטער אין דעם דאָזיקן פרוכטבארן קאנט, און ער האָט זיך שוין, דורך זײַנע הויכגעשטעלטע פרײַנט באַם פיורער אין שטאב, געגרייט א באָדן אָפּ צו באקומען אזא מין פּאָסטן. צו זײַן גרויסן באדויערן, האָט מען זיך אײַנגיבן געמוזט אָפּ־זאָגן פון אָט די טרוימען.

עפּעס אן אומרו האָט אים באהערשט אין אָט דעם פרילינג־טאָג פון סאמע אינדערפרי. מיטאמאָל האָט זיך באוויזן דעם קעגנערס אוויאציע. ניין, זי האָט ניט באָמבארדירט, בלויז אויסגעשפּירט. די רוסישע אעראָפּלאנען האָבן ארײַנגעקוקט אין די וועלדער, א סאך מאָל געפלויגן לענגויס דער אײַזנבאן, לאנג געדרייט זיך איבער דער אויסלאָדונגס־סטאנציע. עמעס, דאָס מיליטער איז געווען גוט פאר־מאסקירט. אָבער אן אומרו האָט ארויסגערופן דער עצעם פאקט, וואָס די רוסישע אעראָפּלאנען שפּירן אוים גראָד די דאָזיקע ערטער.

דער אומרו איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען ער האָט באקומען א ידיעה, אז באנאכט איז אין ראיאָן פון די אָזערעס פארשוואונדן אין וועג בײַסן מארש דער האופּטשארפיורער בענעקע, א וועטעראן פון דער דיוויזיע און איינער פון די געוואגטסטע קריגסלײַט פונעם מאָטאָ־פּאָלק „וועסטלאנד״. נאָך לאנגע זוכענישן האָט מען זײַן טויטן קערפּער געפונען אין א קליינער אָזערע, אכט קילאָמעטער פון שטאב פון דער דיוויזיע. דער הער האופּטשארפיורער איז דערשטאָכן געוואָרן מיט א מעסער אין הארצן, און דער קאָפּ זײַנער איז געווען צעשעדיקט מיט עפּעס א שווערן כייפעץ.

עס איז קיין כידעש ניט, וואָס דעם אָנפאל פון די סאָוועטישע באָמ־בארדירערס אפּן דאָרף, ווו עס איז אײַנגעשטאנען דער שטאב, האָט דער גרופּענפיורער געשטעלט אין פארבינדונג מיט בענעקעס דערמאָרדונג.

ער האָט דרינגענד אריבערגעפירט דעם שטאב אין וואלד און באַ־פוילן ארומרינגלען אים מיט דרײַ רייען דראָט־פארצוימונגען.

אין אָוונט, בײַם דער שטאבס־ארצט לינדעמאן האָט ראפּאָרטירט

דעם גרופּענפירער װעגן די רעזולטאַטן פונעם פּאַלמעסן דעם טויטן קערפּער פונעם האָופּטישאַרפירער, האָט מען פון מאַטאַ־פּאַלק „װעסט־לאַנד" געלאָזט װיסן, אַז ניט װײַט פון דעם אָרט, װוּ מע האָט גע־פונען בענעקעס קערפּער, האָבן די סאָלדאַטן אין אַ געדיכטן גוס־װעלדל אונטער אַ קופּע צװײַגן געפונען דעם טויטן קערפּער פון דעם יעפרייטער פון דער 131 אינפאַנטעריע־דיװיזיע, קאַרל הילע (די זעלבע פאַמיליע, װי בײַ דעם קאָמאַנדיר פון דער דיװיזיע „װיקינג", און דאָס האָט אַגעװ אומאָנגענעמ איבעראַשט דעם גרופּענפירער).

א ביסל שפּעטער האָט אָנגעקלונגען דער קאָמאַנדיר פון מאַטאָ־פּאָלק „גערמאַניאַ" דער שטאַנדאַרטענפירער מיולענקאַמפּפ און ראַ־פּאָרטירט, אַז בײַם אַ צוזאַמענשטויס צװישן זײַנע סאָלדאַטן מיט אומבאַװוּסטע מענטשן, אָנגעטאָנענע אין מאָדנע גרינע בגאָדימ, זײַנען פאַרװוּנדעט געװאָרן צװיי סאָלדאַטן — העסנער און מייסנער, איינער פון זיי — גאָר געפערלעך. אלס קוריאָז האָט דער שטאַנדאַרטענפירער מיטגעטיילט, אַז לויט װי עס פאַרזיכערן די סאָלדאַטן, זײַנען יענע מאָדנע גרינע מענטשן געװען באַשאָטן מיט... שניי.

דער גרופּענפירער האָט באַפוילן גענוי אויספאָרשן די דאָזיקע פאַלן און אַנטשיידן אַ נעמ טאָג זיך זוכן די אומבאַװוּסטע פאַרברע־כער. צוליב דעם צװעק האָט ער געהייסן אויסטיילן פון יעדער באַ־טאַליאָן אַ צוג (װזװאָד), װי אויך לאָזן אין גאַנג דעם גאַנצן אויס־שפּיר־אָטריאַד פון דער דיװיזיע.

צװישן די סאָלדאַטן, װי עס האָט זיך מיט גרויס אומצופרידנקײַט דערװוּסט דער גרופּענפירער, װערן פאַרשפּרייט פּאַנישע קלאַנגען װעגן עפּעס „גרינע שאָטנס", „גרינע רוכעס". װאָס האָבן זיך באַ־װיזן אין די דאָזיקע מעקוימעס.

דער גרופּענפירער האָט אין קיין שום שאָטנס און רוכעס ניט געגלייבט. ער האָט אַרויסגערופן דעם שעף פון אויסשפּירונג און קאָנטר־אויסשפּירונג דעם קאַפּיטאַן װערנער און האָט אים דער־

קלערט, אז אפּ מילכאָמע זײַנען קיין שאָטנס ניטאָ. עס זײַנען פּאַראַנג רעאַלע סאָנים, און האָט אים פּאָרגעלייגט פּערזענלעך אָנצופירן מיט דער אָפּעראַציע קעגן אָט די „שאָטנס".

באַנאַכט איז סאַמע אפּ דער סטאַנציע, ווו עס האָט זיך אויסגע־לאָדן דער טאַנקען־פּאָלק, א שאָ צוויי נאָך דעם, ווי דער גרופּענפּיור־רער האָט באַזוכט די סטאַנציע, דערמאָרדעט געוואָרן דער העלער שטורמבאַנפּיורער דילע (אָט דער גראַמ מיט זײַן אייגענער פּאַמיליע האָט ווידער א שטאָך געטאָן דעם העלער הילע אין האַרצן), און ס'איז פאַרשוווּנדן דער אָבערשטורמפּיורער אַרטור וועגדעל, איינער פון די אָנפירער פונעם קוואַרטירמייסטער־אָפּטייל. דאָס האָט פּאַסירט קיי־מאַט פאַר די אויגן פון אָן א שיר אָפיצערן און סאָלדאַטן. דער גרופּענפּיורער האָט באַפוילן געבן 15 מעסלעס קאַרצער דעם שעף פון קאַראַול און די וואַך־סאָלדאַטן, דעם קאַפּיטאַן ווערנער ווידער האָט ער נאָכאַמאָל אַרויסגערופן צו זיך און אים געמאַכט א שטרענגן אויסרייד, אַלעמען מע האָט נאָך אַלץ ניט געפונען די „שאָטנס".

די קאַטאַסטראָפע פון א צוג מיט קריגס־מאַטעריאַלן, וואָס איז פּאָרגעקומען, געוויס, מאַכמעס דעם, ווײַל א רעלס איז געווען ניט אין אָרדענונג, דער טויט פון דרײַ סאָלדאַטן פונעם פּאָלק „געדמאַניא", וועלכע האָבן זיך אָפּגעסאַמט מיט קאַליע געוואָרענעם פלייש, די פאַר־שווינדונג פון צוויי סאָלדאַטן פון זעלבן פּאָלק, וועלכע האָבן דעזער־טירט פון דער אַרמיי — דאָס אַלץ איז פּאַרעכנט געוואָרן אָפּן כעזשבן פון די „גרינע שאָטנס".

עס איז שוין ביכלאַל געווען שווער אונטערצושיידן צווישן וואָר און פּאַנטאַזיע, צווישן ווילדע אויסטראַכטענישן און רעאַלע פּאַקטן.

אין שרעק פאַר די מעגלעכע פּאָלגן האָט דער גרופּענפּיורער אָפּ יעדן פּאַל באַפוילן אינפּאָרמירן דעם שטאַב פון קאָרפּוס און דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער צענטראַלער אַרמייען־גרופּע, דעם גענע־ראַל־פּעלדמאַרשאַל בוש, אַז די רוסן האָבן אַרײַנגעשיקט אין הינ־

טערלאנד פונ דײַטשישנ מיליטער א גרויסע צאָל אויסשפּירער דיווערסאנטנ, וועלכע ס'איז, מאכמעס דער נאכלעסיקײַט פונ דער 131 אינפאנטעריע־דיוויזיע, געלונגענ ארײַנדרינגענ אינ צענטער פונ דער דיוויזיע „וויקינג״ אונ, גאנצ ווארשײַנלעכ, דערגײַנ עפּעס־וואָס וועגנ די צילנ אונ אופגאבנ פונ דער איבערגרופּירונג.

דער הער גרופּענפירער האָט אויכ אָנגעשריבנ וועגנ די „גרינע שאָטנס״ א פערזענלעכנ בריוו דעמ אָבערגרופּענפירער פאָנ־דעמ־באכנ אינ בערלינ, קעדיי צו פארווײַלנ זײַנ הויכנ פרײַנט אונ באוואָרענענ זיכ מיט שטיצע אינ פאל, אויב די אָפּעראציע וועט דורכפאלנ.

ווענ דער גרופּענפירער האָט זיכ צוגעלייגט נאָכ מיטיק כאפּנ א דרעמל, האָט אימ מיטאמאָל אופגעוועקט דער טעלעפאָנ. קאפּיטאנ ווערנער האָט ראפּאָרטירט, אז אָט ערשט איז פאָרגעקומענ א צוזאמענשטויס צווישנ א ווזוואָד סאָלדאטנ מיט די „גרינע שאָטנס״. דער ווזוואָד אונטער דער קאָמאנדע פונעמ אונטערשטורמפירער אלטענבערג האָט, לויטנ באפעל פונעמ דיוויזיע־קאָמאנדיר, ארומגעזוכט די וועלדער. די סאָלדאטנ זײַנענ ארײַנ אינ א פוסטער שטאל בא א וואלדראנד. אינ שטאל האָט מענ קיינעמ ניט געטראָפנ. נאָר אדאנק דער וואכזאמקײַט פונעמ אונטערשטורמפירער זײַנענ עטלעכע פונ די „גרינע שאָטנס״ אנטדעקט געוואָרנ אפנ בוידעמ פונ שפּײַכלער. יאָ, זיי האָבנ זיכ דאָרטנ געפונענ. צומ באדויערנ, איז זיי געלונגענ צו פארוואָרפנ דעמ ווזוואָד מיט האנט־גראנאטנ, פארניכטנ דעמ אונטערשטורמפירער אונ זיבנ סאָלדאטנ אונ — אנטלויפנ. נאָר ערשטנס, זײַנענ אלע מיליטער־טיילנ אינ יענעמ ראיאָנ אליארמירט געוואָרנ אונ ס'איז צו האָפנ, אז מע וועט סאָפּקאָלסאָפּ די „גרינע שאָטנס״ פאקנ, אונ, צווייטנס, איינער פונ די באנדיטנ איז ארײַנגעפאלנ אינ די הענט פונ די סאָלדאטנ. ניינ, צומ באדויערנ, ניט קיינ לעבעדיקער, נאָר א טויטער.

הילע האָט א טראכט געטאָנ אונ געהייסנ דערלאנגענ זײַנ מאשינ.

אין דער באגלייטונג פון א טאנק איז ער אוועקגעפאָרן צום אָרט פון דער געשעעניש.

באמ וואלד־ראנד, ארומ דער דערברענענדיקער שטאל, האָט דעמ גרופּענפיורער באגעגנט דער קאפּיטאן ווערנער און די עסעסאָווצעס פונעמ אויסשפּיר־אָטריאד.

ניט ענטפערנדיק אפ די באגריסונגען, איז הילע שווײַגנדיק צוגעגאנגען צומ טויטן סוינע. דאָס איז געווען א יונגער רוס, ניט עלטער פון 23 יאָר, מיט פלאקסענע האָר און מיט גרויסע ברייט־אָפענע טויטע אויגן, וואָס האָבן רויק געקוקט אפן הער גרופּענפיורער. אונטער דעמ גרינעמ בעגעד („די זומערדיקע שלאכט־פאָרמ פון די סאָוועטישע אויסשפּירער" — האָט פעסטגעשטעלט דער גרופּענפיורער) איז געווען א רויטארמייִשע גימנאסטיאָרקע מיט צייכנס פון א סאָוועטישן יונגערן סערזשאנט. ניט ווײַט פון אימ זײַנען געלעגן אין איין ריי, מיט הענט, צונויפגעקרייצטע אפ דער ברוסט, אכט עס־עסאָווצעס. א קנייטש געטאָן מיטן שטערן, האָט דער גרופּענפיורער א טראכט געטאָן, אז פינף פון די אכט זײַנען דריבנינקעס, דארינקעס... און דאָס זײַנען סאָלדאטן פון דעמ שווארצן קאָרפּוס עסעס!

טראפּקין האָט ניט געוווּסט, אז ער פארשאפט אזעלכע דײַגעס אזויפיל הויכגעשטעלטע לײַט פון דער דײַטשישער ארמיי. עמעס, שוין אפ צוריקוועגס, האָבן זיך די אויסשפּירער פון מאָל צו מאָל אָנגעשטויסן אפ נישטערנדיקע גרופּעס עסעסאָווצעס און האָבן געהערט זייער געפילדער. זיי האָבן אָבער ניט פארשטאנען, אז דאָס האָט א דירעקטע שײַכעס צו זיי, און געטראכט, אז די עסעסאָווצעס פירן עס דורכ טאקטישע לימודימ.

אין אָוונט — דאָס איז שוין געווען דער פערטער מעסלעס פון זייער זײַן באמ סוינע אין הינטערלאנד, — האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט בא א פּוסטער געבײַדע אפן ראנד פון וואלד. טראפּקין האָט באשלאָסן

לאזן דאַ די מענטשן אַ שאַ צײַט אָפּרוען. ער אַלײן װעט דערװײַל פּרוּװן דורך ראַדיאָ פאַרבינדן זיך מיט דער „ערד".

פון פּאַרזיכטיקײַט װעגן זײַנען זײ דורך אַ צעפּוילט לײטערל, װאָס איז שיִער זיך ניט צעפאַלן אונטער זײערע פיס, אַרופּגעקראָכן אַפן בוידעם. טראַפּקין האָט זיך שױן געהאַט פאַרבונדן מיט דער „ערד". פּלוצעם האָט ער דערהערט בראַזשניקאָװס סיגנאַל. יענער איז פּונקט געשטאַנען אַפן דער װאַך און געקוקט דורך אַ לאָך אינעם דאַך. טראַפּקין האָט דערזען צװאַנציק עסעסישע סאָלדאַטן, װאָס זײַנען געגאַנגען צו דער געבײַדע. ער האָט אופגעװעקט די אויסשפּירער, װאָס זײַנען, מידע און אויסגעמאַטערטע פון שװערן װעג, אַקאָרשט אײַנגעשלאָפן. אַראָפּשפּרינגענדיק פון בוידעם און אַנטלויפן אין װאַלד איז שױן געװען צו שפּעט. די עסעסאָװצעס זײַנען געװען נאָענט. פיר פון זײ זײַנען אַרײַן אין שטאַל. דערזען, אַז קײנער איז ניטאָ, האָבן זײ זיך אַ גריבל געטאָן אין דער קופּע מיסט און זײַנען אַרױס, אָבער דערנאָך זיך װידער אומגעקערט, און אײנער פון זײ האָט גענומען דורכן צעפּוילטן לײטערל קריכן אַפן בוידעם, בורטשענדיק און שילטנדיק עמעצן מיט טויטע קלאָלעס.

טראַפּקין איז געשטאַנען מיט צװײ רעװאָלװערן אין בײדע הענט. אַפן בוידעם איז געװען גאַנץ ליכטיק. דורך די שפּאַלטן און לעכער פון דאַך האָט זיך דורכגעשלאָגן די אָװנטיקע שײַן. ער האָט געװאָרפן אַ בליק אַפּ זײַנע כאַװײרים — אַרומגעװאַקסענע, אויסגעמאַטערטע, זײַנען זײ געשטאַנען גרײט צום געראַנגל אַפּ לעבן און טויט. דאָס צעפּוילטע לײטערל האָט געסקריפּעט. דער דײַטש איז געקראָכן פון טרעפּל צו טרעפּל און האָט זיך אין דער שטיל געזידלט.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ מוירעדיקער קנאַל. דאָס האָט אַניקאַנאָװ דורכן לאָך פון דאַך אַ שלײַדער געטאָן אַ קעגנטאַנק־גראַנאַטע אין די עסעסאָװצעס, װאָס זײַנען געשטאַנען אין אַ רעדל לעבן שטאַל. גלײַכצײַטיק האָט בראַזשניקאָװ מיטן אַװטאָמאַט געפּלעט דעם קאָפּ דעם

עסעסאָוועצ, וואָס איז שוינ דערקראָכנ ביזנ בוידעמ. די אויסשפּירע־ זײַנענ האסטיק אראָפּגעשפּרונגענ.

ווי א בליצ איז בא טראפּקינענ אינ קאָפּ דורכגעפלויגנ א גע־ ראנק: אניקאנאָוו האָט געטאָנ ווי א כאָכעמ. מיט דער גראנאטע, וואָס ער האָט א שלײַדער געטאָנ אינ די עסעסאָווצעס, וועלכע זײַנענ גע שטאַנענ אינ דרויסנ, האָט ער אָפּגעראמט דעמ וועג פאר די אויס שפּירער. מיט די דרײַ אינ דער שטאל, וואָס זײַנענ געוועזנ פריטשמע־ ליעט פונעמ אופרײַס, איז שוינ געווענ גרינג זיכ צו ספּראווענ.

אינ א מינוט ארומ זײַנענ די אויסשפּירער, באגלייט פונ קויל אונ אופרײַסנ פונ פארשפּעטיקטע דײַטשישע גראנאטעס, געלאָפ איבערנ געדיכטנ וואלד. טראפּקינ האָט לעבאטכילע ניט באמערקט אז בראזשניקאָוו פעלט, ער האָט אויכ ניט באמערקט, אז אניקאנאָוו אונ סעמיאָנאָוו זײַנענ פארוווּנדעט. וועגנ בראזשניקאָווס האָט אימ שווער אָטעמענדיק געזאָגט אניקאנאָוו. ער האָט געזענ, ווי בראזשני קאָוו איז ארויסגעלאָפנ פונ שטאל אונ איז געפאלנ.

דער געיעג נאָכ די אויסשפּירער איז געוואָרנ אלצ האסטיקער ס׳האָט זיכ גערוכט, אז מע יאָגט זיכ פונ אלע זײַטנ. דערנאָכ האט זיכ דערהערט א בילערײַ פונ הינט, א הודזשערײַ פונ מאָטאָציקלענ אניקאנאָוו, פארווּנדעט אינ פלייצע, האָט קוימ געאָטעמט. סעמיאָנאָוו האָט גענומענ אלצ מער אונ מער הינקענ.

דער וואלד ארומ זיי, אויסגעוואשנ פונ שלאקס־רעגנ, האָט פרײַ געאָטעמט. די פײַכטע אָפּגעפרײשטע בלעטלעכ אונ גראָזנ האָבנ אראָפּ געוואָרפנ פונ זיכ די אפּרעל־קילקײַט, וואָס האָט נאָכ געשמעקט מיט ווינטער. אזוי איז ענדלעכ אָנגעקומענ פרילינג. דאָס ווארעמע ווינט האָט לײַכט געוויגט די מאסע צעוואקסענע גרינס.

מיטאמאָל איז שטיל געוואָרנ. מע האָט אפּגיכ איבערגעבונדנ די פארווּנדעטע. מאמאָטשקינ האָט ארויסגענומענ פונ בוזעמ זײַנ בוטל אונ האָט דאָס לעצטע ביסל בראָנפנ אָפּגעגעבנ אניקאנאָוונ.

דאָ האָבנ זיי זיכ ארומגעזוכן, אז די ראַדיאָ־סטאַנציע, וואָס איז געהאַנגענ באַ ביקאָוונ אפ דער פּליצע, איז דורכגעלעכערט, ווי א זיפּ. זי האָט ביקאָוונ געראַטעוועט דאָס לעבנ, אָבער פאַר דער אַרבעט האָט זי שוינ מער ניט געטויגט. ביקאָוו האָט די רעטערנ זײַנע צע־בראָכנ אפ פּיצ־פּיצלעכ אונ די שטיקלעכ צעוואָרפנ צווישנ די קוסטעס.

זיי זײַנענ לאַנגזאַמ אוועק ווײַטער.

מאַמאָטשקינ, וואָס איז געגאַנגענ פונ הינטנ צוזאַמענ מיט טראַפּ־קינענ, האָט פּלוצעמ א זאָג געטאָנ:

— איכ בעט, איר זאָלט מיר מויכל זײַנ.

ער האָט זיכ געקלאַפּט אינ דער אײַנגעפאַלענער ברוסט, עפּשער אפילע געוויינט — אינ דער פינצטער האָט מענ ניט געזענ — אונ מיט א הייזעריקער שטימ געטײַנעט:

— איבער מיר, אלצ איבער מיר. ניט אומזיסט גלייבנ באַ אונדז די פישער אינ סימאָנימ. קימאַט שטענדיק באַקומט זיכ עס אזוי. איכ האָב יענע צוויי פערד ניט אוועקגעפירט אינ דאָרפ, נאָר אָפּגע־געבנ... פאַר פּראָדוקטנ...

טראַפּקינ האָט געשוויגנ.

— זײַט מיר מויכל, כאַווער לייטענאַנט. אויב איכ וועל זיכ אומ־קערנ געזונטערהייט...

— אויב דו וועסט זיכ אומקערנ, גייסטו גלײַכ אינ א שטראָף־ראָטע, — האָט געזאָגט טראַפּקינ.

— אָפּגערעדט! כ׳וועל גיינ! מיט פאַרגעניגנ! אונ איכ האָב גע־ווּסט, אז איר וועט אזוי זאָגנ! אז אלציינס וועט איר אזוי זאָגנ! — האָט אויסגערופנ מאַמאָטשקינ אונ האָט צוגעפּרעסט טראַפּקינס האַנט קימאַט היסטעריש, איבערפולט מיט אומפאַרשטענדלעכער דאַנקבאַרקײַט אונ מעסירעס־נעפעשדיקער ליבע.

ס׳האָט זיכ ווידער דערהערט א טויבער געדויש. זיי האָבנ זיכ

פאַרטײַעט. האַסטיק האָבנ זיכ פאַרבײַגעטראָגנ צוויי פאַנצער־אַוטאָמאָבילנ. מע איז אַוועק ווײַטער. פאָרויס איז געגאַנגענ אַניקאַנאָוו. מיט זײַנע מעכטיקע אַקסלענ האָט ער פאַנאַנדערגערוקט די צווײַגנ פונ די ביימער. ער איז געגאַנגענ לאַנגזאַמ און מיט אומגעהייערער אָנשטרענגונג געטריבנ פונ זיכ דעמ זיסנ נעפל, וואָס האָט געליימט אַלע זײַנע איוורימ.

און מעגלעכ, אַז טאַקע נאָר ער, אַ באַוואָפנטער מיט גרויסער לעבנס־דערפאַרונג, האָט פאַרשטאַנענ, ווי פאַרפירעריש עס איז די שטילקײַט, וואָס האָט זיכ מיטאַמאָל פאַרשפרייט. עמעס, ער האָט ניט געוווּסט, אַז דער גאַנצער אויסשפּיר־אָטריאַד פונ דער דיוויזיע „וויקינג“, די אַוואַנגאַרד־ראָטעס פונ דער 342 גרענאַדירנ־דיוויזיע, וואָס קומט אָנ מיט אַ שנעלנ מאַרש, און טײלנ פונ דער 131 אינפאַנטעריע־דיוויזיע זײַנענ געלאָזט געוואָרנ אינ געיעג נאָכ די „גרינע שאָטנס“; ער האָט אויכ ניט געוווּסט, אַז די טעלעפאָנענ קלינגענ אָנ אויפהער, און אַז די ראַציעס ריידנ קעסיידער מיט זייער שטרענגער שיפרירטער שפּראַכ, און אַלצ וועגנ זיי, וועגנ די „גרינע שאָטנס“. ער האָט אָבער אינסטינקטיוו געפילט און פאַרשטאַנענ, אַז אַרומ זיי פאַרציט זיכ אַלצ ענגער און ענגער דער שלייפ פונ אַ קאָלאָסאַלער אַבלאַווע.

זיי זײַנענ געגאַנגענ אויסגעמאַטערטע, אָפּגעשוואַכטע, און האָבנ ניט געוווּסט, צי וועט זיכ זיי שוינ אײַנגעבנ קומענ לעבעדיקערהייט. ניט דאָס איז אָבער שוינ געווענ וויכטיק. וויכטיק איז געווענ דאָס, וואָס אָט די אָפּגעקליבענע דײַטשישע דיוויזיע מיטנ גרויזאַמענ נאָמענ „וויקינג“, וואָס האָט זיכ קאָנצענטרירט אינ די דאָזיקע וועלדער, קעדיי אומגעריכט דערלאַנגענ אַ קלאַפּ דעמ סאָוועטישנ מיליטער, אַז אָט די דיוויזיע „וויקינג“ איז שוינ פאַרדורטײלט. אי די מאַשינעס, אי די טאַנקענ, אי די פאַנצער־טראַנספּאָרטיאָרנ, אי דער עסעסאָוועצ מיט די דראָענדיק בליאַסקענדיקע פּענסנע אי די דײַטשנ מיטנ לע־

בעדיקנ כאזער אינ וואָגנ, אי ביכלאל די אַלע רײַטשנ, פרעסנדיקע, זויפנ־דיקע, גראַגערנדיקע, וואָס האָבנ פאַרפּאַסקודיעט די אַרומיקע וועלדער, די אַלע הילעס, מיולענקאַמפּפס, גאַרהײַסנ, די אַלע קאַריעריסטנ, מערדער און טאַליאָנים — זיי אַלע גייענ דורכ די וואַלד־וועגנ גלײַכ צו זייער בראָכ, און דער טויט האָט שוינ פאַרהויבנ איבער זייערע פופּצנ טויזנט קעפּ זײַנ שטראָפנדיקע האַנט.





# עלפטער קאַפּיטל

די ראציע, וואָס האָט געהאלטנ די פארבינדונג מיט דעמ ,,שטערנ", האָט זיכ געפונענ אינ אנ אָפגעזונדערטנ בלינדאזש. דער יונגערער לייטענאנט מעשטשערסקי האָט דאָ פארבראכט קײַלעכדיקע מעסלעסנ. ער האָט קימאט מיט קיינ אויג ניט צוגעמאכט. טאָמער פלעגט ער אײַנדרימלענ אפ א ווײַלע, פלעגט זיכ אימ גלײַכ אויסדוכטנ, אז דער ,,שטערנ" רופט אימ ארויס, אונ ער פלעגט זיכ מיטאמאָל אופכאפנ, פינטלענדיק מיט די פארשלאָפענע אויגנ אונ אײַלנדיק א פרעג טאָנ באמ ראדיסט:

— וואָס, מע רעדט, דאכט זיכ?

דרײַ ראדיסטנ האָבנ געארבעט בא דער ראציע. צווישנ זיי קאטיע. ווענ זי פלעגט ענדיקנ איר וואכטע, פלעגט זי אָבער ניט אוועקגיינ. זי איז געזעסנ לעבנ מעשטשערסקינ אפ דער שמאָלער נארע, אָנגעלענט איר בלאָנדנ קאָפ אפ די פארברוינטע הענט, אונ האָט אלצ געווארט. אָפטמאָל פלעגט זי אָנהייבנ טײַנענ צו דעמ ראדיסט, אז יענער האָט פארלאָרנ די כוואליע פונ ,,שטערנ", פלעגט ארויסכאפנ פונ זײַנע הענט דאָס טרײַבל, אונ אונטער דער נידעריקער סטעליע פונעמ בלינ־דאזש פלעגט זיכ לאָזנ הערנ איר שטילע בעטנדיקע שטימ:

— „שטערנ". „שטערנ"‎. „שטערנ".

אינ שביינעס מיט דער כוואליע פונ „שטערנ" האָט עמעצער אָנ א
פ גערעדט הארט אונ בייז אפ דײַטש. אונ א האָר ווײַטער האָט גע־
געג, גערעדט אונ געשפּילט מאָסקווע — די אײביק מונטערע, מעכ־
קע אונ אומבאזיגבארע.

א פּאָר מאָל אינ טאָג פלעגט אינ בלינדאזש ארײַנקומענ דער קאָ־
אנדיר פונ דער דיוויזיע. פונ שפּײַבלער צום בלינדאזש אונ צוריק
אבנ געהאלטנ אינ איינ אומגיינ די אויסשפּירער. יעדנ טאָג פלעגט
רײַנקומענ, אמאָל אינ דער באגליטונג פונעם סטארשינא מערזשי־
אָוו, דער ליטענאנט בוגארקאָוו. ער פלעגט א היפּשע ווײַלע שטיינ
אמ ווענטל פונ בלינדאזש אונ אופמערקזאמ צוקוקנ זיכ, ווי עס
רבעט דער ראדיסט. אָפט פלעגט ארײַנקומענ אינ בלינדאזש דער
מאיאָר ליבאטשאָוו. ער פלעגט נעמענ דאָס טרײַבל באמ ראדיסט אונ
ליינ פרוּוונ אָנקניפּנ א פארבינדונג מיטנ „שטערנ".

אפ א פּאָר מינוט פלעגט זיכ אויכ ארײַנכאפּנ קאפּיטאנ באראש־
ינ. ער פלעגט זיכ אוועקשטעלנ באמ קליינינקנ פענצטערל, פּויקנ
מיט די פינגער איבערנ שויב אונ דערבײַ אונטערברומענ עפּעס א לידל
ונ זײַנ העפטל.

פונ דער פּאָדערשטער ליניע זײַנענ איינמאָל געקומענ צו גיינ
ער קאפּיטאנ מושטאקאָוו אונ דער קאפּיטאנ גורעוויטש.

א רויקער, א שטילער, מיט אופמערקזאמע קורצזיכטיקע אויגנ,
ז אינ בלינדאזש ארײַנ דער אויספאָרשער פונ דער פּראָקוראטור
אפּיטאנ יעסקינ. ער האָט א פרעג געטאָנ בא מעשטשערסקינ:

— איר זײַט דער קאָמאנדיר פונ די אויסשפּירער?

— איכ פארבײַט אימ צײַטווײַליק.

דער אויספאָרשער האָט געזאָגט, אז ער דארפ אויספרעגנ אייניקע
ערזאָנענ מיקויעכ די פערד, וואָס מע האָט אומגעזועצלעכ גענומענ
א די פּויערימ. ער האָט קורצ דערציילט, אינ וואָס דאָ גייט, אונ האָט

געפרעגט, צי פארשטייט מעשטשערסקי די באדײַטונג פון אזא מין אופירונג.

— איז אַט, — האָט פאַרגעזעצט דער אויספאָרשער, — איך דארף אויספרעגנ יענע אויספירער, וואָס זײַנען געווען דערבײַ, באזונדערס דעמ לייטענאנט טראפקינ און דעמ סערזשאנט מאמאָטשקינ.

— זיי זײַנען איצט דאָ ניטאָ, — האָט שוינ אומגעדולדיק גע־ענטפערט מעשטשערסקי.

— קיינ איינער פון זיי?

— קיינ איינער.

דער אויספאָרשער האָט א מינוט געטראכט.

— איך דארפ אָבער מיט זיי ריידנ, — האָט ער געזאָגט, — זיי וועלנ זיכ איננגיכנ אומקערנ?

— איך וויים ניט, — האָט מעשטשערסקי געענטפערט לאנגזאמ. קאטיע איז פּלוצעמ אופגעשטאנענ פון שטול און האָט א זאָג געטאָנ:

— איר וואָלט, כאווער קאפּיטאנ, בעסער זיכ דורכגיינ אהינ, וווּ זיי געפינענ זיכ, און דאָרט זיי אויספרעגנ גענוי.

— און ווּו זײַנען זיי?

— אינ טיל בא די דײַטשנ.

דער אויספאָרשער האָט אופמערקזאמ א קוק געטאָנ אפ קאטיענ מיט רויקע אויגנ. אינ וועלכע עס איז ניט געווען קיינ פונק פון הו־מאָר. זי האָט אויסגעהאלטנ זײַנ בליק, בייז שמייכלענדיק. מעשטשער־סקי האָט אויכ א שמייכל געטאָנ, אָבער דערנאָכ א קלער געטאָנ פּלו־צעמ, אז ווענ מע הייסט אָט דעמ מענטשנ גיינ אינ טיל צו די דײַטשנ, קעדיי אויספרעגנ די שולדיקע, וואָלט ער, א סוואָרע, געגאנגענ.

,,דערמיט איז שטארק אונדזער ארמיי, — האָט א טראכט געטאָנ מעשטשערסקי, — דאָ טוט יעדערער זײַנ ארבעט".

אפּנ דריטנ מעסלעס האָט דער ,,שטערנ" אָנגעהויבנ ריידנ — צומ

צווייטנ מאָל נאָכדעמ, ווי טראפקינ איז אדורכ דעמ פראָנט. אָנ קײנ שומ שיפער האָט טראפקינ עטלעכע מאָל איבערגעכאזערט:

— דאָ קאָנצענטרירט זיכ די 5־טע טאנקענ־דיוויזיע עסעס „וויקינג". א געפאנגענער פונ 9־טנ מאָטאָ־פּאָלק „וועסטלאנד" האָט באוויזנ, אז דאָ קאָנצענטרירט זיכ די 5־טע טאנקענ־דיוויזיע עסעס „וויקינג".

דערנאָכ האָט ער מיטגעטײלט דעמ באשטאנד פונ פּאָלק „וועסטלאנד", דאָס אָרט, ווו עס געפינט זיכ דער שטאב פונ דער דיוויזיע, אונ האָט אונטערגעשטראָכנ, אז די טײלנ לאָדנ זיכ אויס אונ באוועגנ זיכ נאָר באנאכט. ער האָט נאָכאמאָל אונ ווידעראמאָל איבערגעכאזערט:

— דאָ קאָנצענטרירט זיכ געהײמ די 5־טע טאנקענ־דיוויזיע עסעס „וויקינג".

טראפקינס מיטײלונג האָט געמאכט א רוישעמ אינ דער דיוויזיע. אונ ווענ דער פּאָלקאָווניק סערבינשענקא האָט פּערזענלעכ אָנגעקלונגענ דעמ קאָמאנדארמ אונ דעמ פּאָלקאָווניק סעמיאָרקינענ וועגנ די יעדיעס, וואָס טראפקינ האָט איבערגעגעבנ, האָט עס געמאכט אנ אײנדרוק אויכ אינ שטאב פונ דער ארמײ. דער פּאָדפּאָלקאָווניק גאליעוו האָט מיט קײנ אויג ניט צוגעמאכט, ענטפערנדיק אפ דעמ שלאל טעלעפאָנאָגראמעס פונ קאָרפּוס, פונ דער ארמײ, פונ די שכײנעסדיקע דיוויזיעס. ער האָט מיטאמאָל אופגעהערט פרירנ אונ האָט ערגעצ ווו פארוקט זײנ בורקע, געוואָרנ ענערגיש אונ מונטער געשטימט. „גאליעוו האָט דערשמעקט דעמ דײטש"—האָט מענ געזאָגט וועגנ אימ.

אפ טויזנטער מאפעס האָט מענ מיט בלויע בלײשטיפטנ אָנגעצײכנט דעמ ראיאָנ, ווו עס קאָנצענטרירט זיכ די דיוויזיע „וויקינג". פונ שטאב פונ דער ארמײ האָט מענ די יעדיעס דרינגענד איבערגעגעבנ אינ שטאב פונ פראָנט, אונ פונ דאָרטנ — אינ דער הויפּט־קווארטיר פונ דער אויבער־הויפּטקאָמאנדשאפט, קײנ מאָסקווע.

אויך אין דער דיוויזיע און אין קאָרפּוס זײַנען טראַפּקינס אָנ־
גאַבן אופגענומענע געוואָרן ווי א העכסט וויכטיקע געשעעניש, האָבן
זיי פאַרן שטאַב פון דער אַרמײ געהאַט א גאַנץ וויכטיקע, אָבער ניט
קיין אַנטשיידנדיקע באַדײַטונג. דער קאָמאַנדאַרם האָט באַפוילן פאַר־
שטאַרקן יענע דיוויזיעס, וועלכע עס שטייט פאָר צו באַגעגענען דעם
קלאַפּ פון די עסעסאָווצעס. ער האָט אויך אַריבערגעוואָרפן זײַנע
רעזערוון אין דער נייטיקער ריכטונג.

דער שטאַב פון פראָנט האָט די ידיעות גענומען צו קענטעניש —
זיי האָבן באַוויזן נאָך אַן איבעריקן מאָל דעם גרויסן אינטערעס פון
די דײַטשן צום קאָווע׳לער קנופּ. דער שטאַב פון פראָנט האָט פאַרגע־
לייגט דער אַוויאַציע אויסצושפּירן און באָמבאַרדירן די אָנגעוויזענע
ראַיאָנען און צוגעבן דער נ־ער אַרמײ א רײ טאַנקען־ און אַרטילע־
ריע־טיילן.

די אויבער־הויפּטקאָמאַנדשאַפט, בא וועלכער אי די דיוויזיע „ווי־
קינג” אי, סאַפּקאָלסאָפּ, דער ראָזיקער גאַנצער וואַלד־ראַיאָן האָט
אויסגעזען זייער דריבנע, האָט זיך אָבער געהאַט איר ברייטן פּלאַן
און האָט ניט געוואָלט געבן די דײַטשן באַטש דעם מינדסטן אָפּע־
ראַטיוון געווינס, אין רעזולטאַט פון וועלכן עס וואָלט זיך געקאָנט
פאַרהאַלטן באַטש אפ איין טאָג דער דורכרײַס פון אונדזער מיליטער
אפ פוילן. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן א באַפעל צו פאַרשטאַרקן
דעם לינקן פליגל פון פראָנט און אַריבערוואַרפן אין אָט דער ריכטונג
א טאַנקען־אַרמײ, א רײַטער־קאָרפּוס און אייניקע אַרט־דיוויזיעס
פון ר. ג. ק. (רעזערוו פון דער הויפּט־קאָמאַנדירונג).

אָט אַזוי האָבן זיך פאַרברייטערט די קרײַזן אַרום טראַפּקינען,
זיך צעגייענדיק, ווי כוואַליעס איבער דער ערד: סאַמע ביז בערלין און
סאַמע ביז מאָסקווע.

די נאָענטע פאָלגן פון די ראָזיקע געשעענישן פאַר דער דיוויזיע
זײַנען געווען אַזעלכע: מע האָט זי קאָמפּלעקטירט מיט דער פּולער

צאָל סאָלדאטן. ס׳איז אָנגעקומען א טאנקען־פּאָלק און א פּאָלק גוואר־דייִשע מינענוואַרפער.

אויך די אויסשפּירער האָבן באַקומען נייַע מענטשן.

מעשטשערסקי האָט אָנגעהויבן דורכפירן טאַקטישע איבונגען מיט די אויסשפּירער. א האַלבן טאָג פלעגט ער אָפּזיצן אָפּ דער פאָדערשטער ליניע, באַאָבאַכטנדיק דעם קעגנער.

בוגאָרקאָוו מיט זייַנע סאַפּיאָרן האָט מינירט דעם באָדן פאַר דער פאָדערשטער ליניע. דער מאַיאָר ליכאַטשאָוו איז גאַנצענע טעג געווען־פּאַרטאָן מיט די נייַע ראַציִעס און טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אין איין באַקומען. דער פּאָלקאָווניק סערבימשענקאָ איז אוועקגעפאָרן אַפּ זייַן באָאָבאַכטונגס־פּונקט און פון דאָרט אָנגע־פירט מיט די אָפּעראַציִעס פון די פּאָלקן. ער איז ווי ייִנגער און שטרענגער געוואָרן, אַזוי ווי שטענדיק ערעוו גרויסע שלאַכטן. ערנסט און אופמערקזאַם האָט ער שטודירט די נייַע מאַפּעס, וואָס זייַנען ערשט אָנגעקומען און וואָס האָבן ארומגעכאַפּט קימאַט גאַנץ פּוילן, הארט ביז דער ווייַסל. אין אָט די ווייַטע קאַנטן איז ער איינמאָל גע־ווען אין 1920 יאָר, ווען ער האָט געדינט אין בודיאָנים ערשטער רייַ־טער־אַרמיי.

אין דעם איינזאַמען בלינדאַזש איז פאַרבליבן בלויז קאַטיע.

וואָס האָט טראַפּקין געמיינט מיט זייַנע לעצטע ווערטער: „איך האָב אייַך פאַרשטאַנען״? צי האָט ער עס געזאָגט, ווי מען זאָגט גע־ווינלעך, ווען מע וויל באַשטעטיקן דורך ראַדיאָ ראָס, וואָס מע האָט אויפגענומען, אָדער עפּשער האָט ער אַרייַנגעלייגט אין די ווערטער א באַשטימטן מיין, וואָס האָט א שייַכעס צו איר פּערזענלעך? איר האָט זיך געדוכט, אַז אַרומגערינגלט אַפּ שריט און טריט מיט טויט־געפאַר, איז טראַפּקין געוואָרן ווייכער און צוטריטלעכער פאַר מענטש־לעכע געפילן, און זייַנע שלום־ווערטער דורך ראַדיאָ זייַנען א קלאָ־רער סימען דערפון. אַך, ווי איר וואָלט זיך איצט געוואָלט איִם זען,

אריַינקוקן אין זײַנע אויגן און איבערלייענען, וואָס האָט ער געמיינט מיטן „איך האָב אײַך פארשטאנען". זי האָט געלױפן באַם מיליטער־פעלדשער אוליבישעוואַ א קליינע שפּינעלע און באַטראַכט זיך אין אים, באַמיט זיך צוגעבן דעם פּאָנעם אַן אויסדרוק פון פּײַערלעכער ערנסטקײַט, ווי עס פּאַסט, ווי זי האָט זיך אַליין שטילערהייט געזאָגט, פאר א קאלע פון א העלד.

און גלײַך נאָכדעם, אָפּגעלייגט אין א זײַט דאָס שפּיגעלע, האָט זי זיך גענומען פאר דער ראציע און גערעדט, גערעדט, אַמאָל מיט גוטן, צערטלעך, און אַמאָל בייז און דערצאָרנט:

— „שטערן". „שטערן". „שטערן". „שטערן".

אין צוויי טעג ארום נאָך דעם לעצטן געשפּרעך האָט דער „שטע־רן" מיטאַמאָל זיך ווידער אָפּגערופן:

— „ערד", „ערד", איך בין דער „שטערן". הערסט, וואָס איך רייד? איך בין דער „שטערן".

— „שטערן", „שטערן", „שטערן", — האָט הויך אויסגעשריגן קאַטיע, — איך בין די „ערד", איך הער, איך הער, איך הער!..

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון בלינדאַזש, געוואָלט עמעצן רופן, טיילן זיך מיט איר פרייד. נאָר קיינער איז ניט געווען דאָ ארום. זי האָט א כאַפּ געטאָן א בלײַ־שטיפט און צוגעגרייט זיך פארשרײַבן. אָבער דער „שטערן" האָט אינמיטן וואָרט איבערגעהאַקט, אנשוויגן געוואָרן און מער שוין ניט גערעדט. א גאנצע נאכט איז קאַטיע ניט אָפּגעטראָטן פון דער ראציע, דער „שטערן" האָט זיך אָבער ניט אָפּגערופן. געשוויגן האָט דער „שטערן" אויך אַפּ מאָרגן און אויך אַפּ איבערמאָרגן.

עס פלעגן אַמאָל אַרײַנקומען אין בלינדאַזש מעשטשערסקי, בו־גאָרקאָוו, דער מאַיאָר ליבאַטשאָוו אָדער דער קאַפּיטאַן יאַרקעוויטש— דער נײַער שעף פון דער אויסשפּירונג, — באַראַשקינען האָט מען אַראָפּגענומען פון דער ארבעט.

דער ,,שטערן" האָט געשוויגן.

קאַטיע האָט אין האַלב־דרעמל אַ גאַנצן מעסלעס געהאַלטן צו־געדריקט צום אויער דאָס טרײַבל פון דער ראַציע. פאַר די פאַרמאַכטע אויגן זײַנען איר עפּעס געקומען מאָדנע כאַלוימעס, זעונגען: אָט גייט טראַפּקין אין אַ גרינעם מאַסקיר־כאַלאַט, זײַן פּאָנעם איז טויט־בלאַס, מאַמאַטשקין, ניט איין מאַמאַטשקין, נאָר גאַנצע צוויי, ווי אַ צווילינג, איר ברודער ליאָניע, אויך אין אַ גרינעם מאַסקיר־כאַלאַט. זי פלעגט זיך אופכאַפּן אין איינע שרעק: עפּשער האָט זי פאַרשלאָפן טראַפּ־קינס אַרויסרופן? און זי פלעגט ווידער נעמען ריידן אין טרײַבל אַרײַן:

— ,,שטערן". ,,שטערן". ,,שטערן".

פונדערווײַטנס האָבן זיך צו איר דערטראָגן אַרטילעריע־זאַלפן, דער הילך פון דער שלאַכט, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, איז אַרײַנגעקומען אין בלינדאַזש בור־גאַרקאָוו. ער האָט געבראַכט צו טראָגן אַ בריוו פון טראַפּקינס מו־טער. דער בריוו איז ערשט אָנגעקומען דורך דער פעלד־פּאָסט. די מוטער האָט געשריבן, אַז זי האָט צווישן די פּאַפּירן צופעליק גע־פונען זײַן העפט פאַר פיזיק, זײַן באַליבטן קעגנשטאַנד. זי האָט דאָס העפט באַהאַלטן, ווײַל ס'וועט אים צוניץ קומען, ווען ער וועט אָנקו־מען אין הויכשול. ס'איז אַ מוסטערהאַפטע העפט. מע וואָלט עס גע־קענט אַרויסגעבן אַלס לערנבוך, — אַזוי פּינקטלעך און גענוי איז דאָרט אַלץ פאַרשריבן, איבערהויפּט די אָפּטיילן פון עלעקטרע און וואַרעמקײַט. באַ אים איז אַ באַשטימטע נייגונג צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, און דאָס איז איר זייער אָנגענעם. אגעוו. צי געדענקט ער יענעם שאַרפזיניקן וואַסער־באַוועגער, וואָס ער האָט צוגעטראַכט נאָך אַלס צוועלפיאָריק יינגל? זי האָט נראָד איצט געפונען די צייכענונ־גען פון אָט דעם קינדערשן באַוועגער און האָט מיט דער מומע קלאַוו־דיע פיל געלאַכט פון זיי.

בוגארקאוו האט איבערגעלייענט דעמ בריוו, זיכ אנגעבויגנ איבער דער ראציע אונ זיכ צעוויינט.

— ניכער וואלט זיכ שוינ פארענדיקנ די מילכאמע... ניינ, ניט מיר... איכ זאג ניט, אז איכ בינ מיד. נאר פאשעט, ס'איז צייט, אז אונדזערע מענטשנ זאלנ שוינ אופהערנ אומקומענ...

א גרויל איז אדורכ איבער קאטיעס לעבנ. מיט שוידער האט זי א טראכט געטאנ, אז עפשער איז גאר אומזיסט איר זיצנ טאג ווי נאכט אינ בלינדאזש באמ ראדיא־אפאראט, אומזיסט איר רופנ, איר ווענדנ זיכ צומ „שטערנ". דער „שטערנ" איז פארגאנגענ, אויסגעלאשנ געווארנ.

נאר ווי קאנ זי אוועקגיינ פונדאנענ? ער קאנ נאכ עפשער אנהייבנ ריידנ. ער באהאלט זיכ עפשער אומ אינ די טיפענישנ פונ די וועלדער.

אונ פול האפענונג, גלויבנ אונ אײַזערנער אקשאנעס, איז זי געזעסנ אונ געווארט. קיינער בוצ איר האט שוינ מער ניט געווארט, נאר זי האט געווארט. אונ קיינער האט זיכ ניט דערוועגט אראפנעמענ פונדאנענ די ראציע, ביז עס האט זיכ ניט אנגעהויבנ דער אנגריפ.



זומער 1944, צעשמעטערנדיק דעם ווידערשטאנד פון דער די
טשישער אַרמיי, האָט אונדזער מיליטער מאַרשירט איבער דער פויל
שער ערד.

דער גענעראַל־מאַיאָר סערביטשענקאָ האָט אַפּ זײַן „ווילים" אַ
געיאָגט אַ גרופּע אויסשפּירער. אין די גרינע מאַסקיר־כאַלאַטן האָ
זיי זיך איינער נאָכן אַנדערן געשלײַכט איבערן וועג, פלינקע, או
מערקזאַמע, גרייט יעטווידע מינוט פאַרשווינדן, צונויפגיסן זיך מ
דער שטומער ראַכוועס פון די פעלדער און וועלדער, מיט די שאָט
פון ביין־האַשמאַשעס.

אין דעם אויסשפּירער, וואָס איז געגאַנגען פון פאָרנט, האָט ד
גענעראַל דערקענט דעם לייטענאַנט מעשטשערסקין. דער גענער
האָט געזאָגט:

— נו, וואָס, אויסשפּירער? אַפּן האָריזאָנט — וואַרשע. ביז בע
לין קנאַפּע פינף הונדערט קילאָמעטער געבליבן. אינגיכן וועלן מ
שוין זײַן דאָרטן, האַ?

ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די אויסשפּירער, גוט צוגעקו
זיך צו יעדן איינעם, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט צווישן זיי א
ניט געפונען. אַ טרויעריקע דערמאָנונג האָט אַ שוועב געטאָן איב
זײַן פּאָנעם. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער בלויז אַ מאַך ג
טאָן מיט דער האַנט:

— נו, פאָרויס, מיט גליק, אויסשפּירער!

די מאַשין האָט זיך אַ ריר געטאָן. די אויסשפּירער זײַנען אַ ווײַ
געשטאַנען און דערנאָך זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

---

Редактор *Б. Котик.* Рис. художн. *Л. Топельберг.* Техред ***Ф. Фрумкина.***

Сдано в набор 27/II—47 г. Подписано к печати 9/IV—47 г. А-00163. Печатн. лист. 4. Учетно-издат. л.4,89. Формат бумаги $70x108/_{32}$. Тираж 10000. Заказ № 9. Цена 3 руб.

Типография Госиздательства „Дер Эмес", Москва, Старопанский, 1.

3 р.

Эм. КАЗАКЕВИЧ

# ЗЕЛЕНЫЕ ТЕНИ

ОГИЗ
Госиздательство „Дер Эмес"
Москва, Старопанский пер., 1
1947